# רֶבּ יִשְׂרָאֵל בַּעַל-שֵׁם-טוֹב

## זיין לעבען, לעהרע און ווירקען

פון ש. צ. זעצער

*Copyright 1919,*
*by*
*Samuel H. Setzer*

פאַרלאַג
„פייערבערג"

# צווייטעס בוך

## לעהרער, חבר און פיהרער

## א.

# די אידישע מיסטיק אין שפאַניען און אין פוילען.

דאס בליהען און וואקסען פון די אידישע קבלה אין שפאַניען.—א קורצע פעריאָד יאהרען פאר דעם גלות־שפאניען האבען זיך אויף דעם פעלד פון אידישען מיסטיציזם אין שפאניען סימנים פון דעקאדאנץ אנגעהויבען צו בעווייזען. — אין אנהויב פון פיערטען יאהרהונ־דערט האט די אידישע קבלה אנגעהויבען א נעסט פאר זיך אין פוילען בויען. — דער אונטערשיעד פון דער קבלה אין שפאניען און דער קבלה אין פוילען און אין רוסלאנד.

איידער איך געה אָבער איבער צו דעם צווייטען פע־ריאָד אין בעל שם'ס לעבען, מוז איך פריהער ווידמען אַ פּאָר קאַפּיטלען אין וועלכע איך וועל אין אַלגעמיינע שטריכען שילדערן דעם גייסטיגען צושטאנד פון די אידען אין פוי־לען, גאַליציען און פאַדאָליען אין דער עפּאָכע, אין וועלכער דער בעל שם האָט געלעבט און געווירקט, און אין אַ פּאָר פעריאָדען - יאָהרען פריהער.

איך מוז אין אַלגעמיינע שטריכען רעדען פריהער ווע־גען דעם פּלאַץ, וואָס די „קבלה מעשית," די פּראַקטישע קבלה, האָט צו יענער צייט אין אידישען לעבען פאַרנומען, און שילדערן די טעטיגקייט פון די הארציגע פערזענליכקיי־טען, וואָס האָבען זיך דאָ און דאָרטען אין יענע פּלעצער געפונען און וועלכע זיינען פון פאָלק מיט דעם נאָמען „בעל שם" געקרוינט געוואָרען.

דאָס אַלעס וועט געבען דעם לעזער די מעגליכקייט צו

פערשטעהן, פאר וואס עס האט זיך אויסגעגאסען די טעטיג־קייט פון בעל שם אין די ערשטע מאמענטען פון נאך זיין „התגלות" אין אט יענע פארמען, אין וועלכע זי איז פאר אונז ארויסגעטראטען דאמאלס.

דאס אלעס וועט געבען דעם לעזער די מעגליכקייט, צו זעהן און פיהלען דעם געוואלדיג גרויסען אונטערשיעד צווי־שען ר׳ ישראל בעל שם און די אלע איבעריגע הארציגע אי־דישע פערזענליכקייטען, וואס האבען אין זיין צייט און נאך פריהער זייער טעטיגקייט צווישען פאלק אונטער דעם נא־מען „בעל שם" אנגעפיהרט.

דאס אלעס איז נויטיג, כדי מיר זאלען קענען מיט שאר־פע און רעליעפע ליניען אבגרעניצען די וועגען, אויף וועלכע עס זענען געגאנגען די אנדערע, וואס האבען זיך מיט דעם נאמען „בעל שם" גערופען, פון די וועגען, אויף וועלכע דער בעל שם טוב איז געגאנגען.

כדי מיר זאלען קענען מיט שארפע און רעליעפע ליניען אבגרעניצען די וועגען, אויף וועלכע אויך ער אליין איז אין די ערשטע יאהרען פון זיין התגלות געגאנגען, און וועלכע האבען זיך דא און דארטען מיט די וועגען פון זיינע חברים אין איינציגע פונקטען צוזאמענגעגאסען, פון דעם וועג, אויף וועלכען ער האט זיך עטליכע יאהר נאך זיין התגלות אוועק־געלאזט און איז שוין גאר אינגאנצען אויסשליסליך זיין איי־גענער געווען.

---

שפאניען איז א פרוכטבארער באדען געוועזן ניט נאר פאר דער אידישער רעליגיאנ׳ס־פילאזאפיע, נאר אויך פאר דער אידישער מיסטיק.

די דריי יאהרהונדערטע בעפאר דעם גלות־שפאניען,

וואָס איז פאָרגעקומען ענדע דעם פינפצעהנטען יאָהרהונ־דערט, זענען די תקופת־הזהב, די גאָלדענע עפּאָכע, פון דער אידישער קבלה געווען.

די פערשיעדענע אונבעדייטענדע קערענדעלעך פון דער אידישער רעליגיאָנ'ס־פילאָזאָפיע, וועלכע זענען פון פער־שיעדענע לענדער אין שפּאַניען פערטראָגען געוואָרען, און זע־נען דאָרטען אויף דעם אידישען באָדען פערזייהט געוואָרען, האָבען פון זיך דאָרטען א מעכטיגע און שענע זריעה ארויס־געגעבען. אפשר האָט די אידישע רעליגיאָנ'ס־פילאָזאָפיע שוין אויך ביז דאַן איהר סקעלעט פערמאָגט. ערשט אין שפּאַניען אָבער האָט דער סקעלעט אויף זיך בלוט און פלייש ארויפגע־צויגען. די אידישע רעליגיאָנ'ס־פילאָזאָפיע האָט דאָרטען אלע איהרע פעריאָדען פון בליהען און וואקסען דורכגעמאַכט.

דאָס אלעס, וואָס איז ביז דאַן געווען אויף דעם געביעט פון דער אידישער רעליגיאָנ'ס־פילאָזאָפיע, קען ווירקליך נאָר אלס הקדמה, אלס אָנפאַנג בעטראַכט ווערען. דער רעכטער עיקר טעקסט האָט ערשט אין שפּאַניען אָנגעהויבען געשאַפען צו ווערען. פריהער זענען נאָר איניגע בעזונדער שטעהענדע קאַפּיטלען געווען. עס האָבען עקזיסטירט אויף דעם געביעט איניגע אנשויאונגען, מיינונגען און קאָנצעפּציאָנען, וואָס זענען דאָס אינדיווידועלע אייגענטום פון געצעהלטע יחידי סגולה געווען. זיי זענען אָבער ניט געווען דאָס נאַציאָנאַלע אייגענטום פון אידישען פאָלק. ערשט אין שפּאַניען האָט די אידישע רעליגיאָנ'ס־פילאָזאָפיע דערגרייכט אָט יענע הויכע מדרגה, זי זאָל שוין קענען אלס שיטה בעטראַכט ווערען. ערשט דאָרטען איז די אידישע רעליגיאָנ'ס־פילאָזאָפיע ארויס־גענומען געוואָרען פון רשות פון די יחידי־סגולה און איז אין רשות פון גאַנצען אידישען פאָלק געשטעלט געוואָרען. ערשט דאַן איז זי געוואָרען דאָס נאַציאָנאַלע אייגענטום פון אידי־

שען פאלק, דער בייטראג אין דער אלגעמיינער קולטור, וואס האט אויף זיין חשבון בעדארפט פערשריבען ווערען.

עס זענען ביז דאן אויף דעם געביעט פון דער אידישער רעליגיאנס־פילאזאפיע נאר בליטען געווען, און ערשט אין שפאניען זענען זיך די בליטען אין א מעכטיגען בוים צע־וואקסען.

און דאס אייגענע איז אויך אין בעצוג צו דער אידישער מיסטיק.

אויף די אידישע קבלה האט ביז דאן — העכסטענס — נאר איהר סקעלעט פערמאגט, און ערשט אין שפאניען האט דער סקעלעט בלוט און פלייש אויף זיך ארויפגעצויגען.

אויף די אידישע קבלה האט די אלע פעריאדען פון איהר שענעם בליהען און וואקסען אין שפאניען דורכגעמאכט.

ניט ווייניגער — אויב ניט נאך מעהר — ווי אין בעצוג צו דער אידישער רעליגיאנ'ס־פילאזאפיע, קענען מיר אין בעצוג צו דער אידישער מיסטיק זאגען, אז אלעס, וואס איז ביז דאן געווען אין אידענטום אויף דיעזען געביעט, בעדארף עס ניט מעהר, ווי נאר אלס א אנפאנג, ווי נאר אלס אן הקדמה בעטראכט ווערען: דער רעכטער עיקר טעקסט אבער האט ערשט אין שפאניען אנגעהויבען געשאפען צו ווערען. די מיסטישע בליטען, וואס זענען ביז דאמאלס אין אידענטום געווען, האבען זיך אין שפאניען אין א שענעם און מעכטיגען מיסטישען בוים צעוואקסען.

די פערשיעדענע אונבעדייטענדע מיסטישע קערענד־לעך, וועלכע זענען פון פערשיעדענע לענדער אין שפאניען פערטראגען געווארען, און זענען דארט אויף דעם אידישען באדען פערזייהט געווארען, האבען פון זיך דארטען א מעכ־טיגע און שענע זריעה ארויסגעגעבען.

דאס קלאסישסטע בוך אין אידישען מיסטיציזם, דער

גראנדיעזער און קאָלאָסאַלער „זוהר,” אַט יענער ברייטער און טיפער מיסטישער ים, פון וועלכען עס רייסען זיך ביז צו דער העכסטער הויך וועלען שטארקע פון מענשליכער פאַנטאַזיע און מענשליכער שווערמעריי, אַט יענער גרויסער און מעכ־טיגער קוואַל, פון וועלכען עס האָבען אלע גרעסערע און קלע־נערע מקובלים געטרונקען, איז אויך דעם באָדען פון שפּאַניען געשאַפען געוואָרען.

ער איז דער פּראָדוקט פון דעם העכסטען גליק און פריי־הייט, פון וועלכע די אידען אין שפּאַניען האָבען אין משך פון פיעלע הונדערטע יאָהרען גענאָסען.

און עס איז שפּאַניען געווען אוואו עס זענען געשאַפען געוואָרען אויך די אלע אנדערע קלאַסישע קבלה־ספרים, וועל־כע זענען פון גרויס ווערט און בעדייטונג.

א גאנצע רייהע פון מיסטישע נשמות און שווערמער גרויסע האָבען דאָרטען אין א משך פון פיעלע דורות דעם גאָרטען פון אידישען מיסטיציזם בעארבייט און יעדער איי־נער האָט אין איהם שענע און פּראַכטפאלע נשמה־בלומען פערפלאַנצט. דאָרטען איז דער אידישער מיסטיציזם צו א פערענדיגטער און אויסגעהאַלטענער שיטה דערהויבען גע־וואָרען, צו א פערענדיגטער און אויסגעהאַלטענער שיטה, וועל־כע האָט אין זיך וועלטען גאנצע פון טיעפען און שענעם פּאָע־טישען און פילאָזאָפישען אינהאַלט פערמאָגט.

---

אַט אזוי האָט אין א משך פון דריי הונדערט יאָהר גאַנ־צע די אידישע קבלה אין שפּאַניען געבליהט.

אין דעם לעצטען פּעריאָד יאָהרען אָבער האָבען זיך סימנים פון דעקאַדאַנס אנגעהויבען צו בעווייזען.

און עס איז שווער צו זאָגען, צי דאָס איז נאָר א צייט־ווייליגע ערשיינונג, אָדער זיי האָבען מיט זיך בעצוי־

כענט אַן אַנהויב פון אַ פּראָצעס, וואָס האָט בעדאַרפט אַלץ מעהר און מעהר בּאַרג אַראָב דעם אידישען מיסטיציזם פיהרען.

עס איז שווער אַ בעשטימטע בעהויפּטונג וועגען דעם צו מאַכען —

ווארום באַלד איז דער גרויסער אומגליק אויף דעם שפּאַנישען אידענטום געקומען, דער שרעקליכער גרוש שפּאַניען, און די זאַלע טעמפּלען שענע פאַר תורה און חכמה, וואָס די אידען אין שפּאַניען האָבען פערמאָגט, זענען, צוזאַמען מיט דעם שענעם גאָרטען פון אידישען מיסטיציזם, וואָס האָט געבליהט דאָרטען, אין חורבות פערוואַנדעלט געוואָרען. צוזאַמען מיט דעם שפּאַנישען אידענטום האָבען זיי אויך דאָן גלות געמוזט אַבריכטען.

---

און סאַמע אין יענער צייט, ווען עס האָבען זיך אין אידישען מיסטיציזם פון שפּאַנישען אידענטום סימנים פון דעקאַדאַנס אָנגעהויבען צו בעווייזען, האָט די אידישע קבלה אָנגעהויבען אַ נעסט פאַר זיך צו בויען אין פּוילען און אין רוסלאַנד.

און שוין אין אָנהויב פון פיערטען יאָהרהונדערט לאלף הששי האָבען זיך שוין גאָר בעמערקבאַר איהרע ערשטע שפּראָצונגען אָנגעהויבען צו זעהן. זי האָט שוין דאַן פיעלע אָנהענגער געהאַט. עס האָבען זיך שוין פיעלע, פיעלע אין פּוילישען אידענטום געפונען, וועלכע האָבען זייער גאַנצע צייט דעם למוד־הקבלה אוועקגעגעבען.

בעלי בתים — קלאָגט זיך דער רמ״א אין זיין „תורת־העולה,״ — וואָס ווייסען ניט בין ימינם לשמאלם, וואָס טאַפּען אין דער פינסטער און זענען ניט אימשטאַנד אפילו אַ

פרשה אדער א סדרה חומש מיט רש"י אבצולערנען, רייסען זיך אויף קבלה צו לערנען.

זעהר פיעל האט אויף דער גרוש שפאניען מיטגעווירקט די קבלה זאל זיך, וואס מעהר און מעהר צווישען די ברייטע שיכטען פון פוילישען אידענט'ם פערשפרייטען. זי איז מיט די אידישע עמיגראנטען, צווישען וועלכע עס האבען זיך פיע־לע בעלי־קבלה געפונען, אהין געקומען.

עס איז אבער א גרויסער אונטערשיעד געווען צווישען דער קבלה, וואס האט דאן פאר זיך פלאץ אין פוילען און אין רוסלאנד געפונען, און צווישען דער קבלה, וואס האט אין איהרע בעסטע יאהרען אין שפאניען געבליהט.

פוילען האט ניט איבערגענומען אט יענע שענע און טיעפע עלמענטען, וואס האבען זיך אין שפאניש־אידישען מיסטיציזם געפונען, ווען ער איז נאך בימי גדלותו געווען. דער אידישער מיסטיציזם איז קיין פוילען אין זיינע דקעא־דאנס־פארמען איבערגעגאנגען.

די קבלה, וואס איז אממעהרסטען פערשפרייט געווען אין פוילען, איז געווען די קבלת־האר"י, די גרעסטע פאר־שטעהער פון וועלכער עס זענען דארטען געווען צו ענדע פון פיערטען יאהרהונדערט די צוויי גרויסע מקובלים, דער בעל השל"ה, ר' ישעיהו איש הארוויץ, און ר' נפתלי כ"ץ. זיי הא־בען זייער לעבען אוועקגעגעבען א ברייטען און פרייען פלאץ אין לעבען פון פוילישען אידענטום פאר איהר צו שאפען.

און אויך די קבלת האר"י איז ניט אינגאנצען, ווי זי איז, פון פוילישען אידענטום אנגענומען געווארען.

דער שווערער טייל איהרער, דער טעארעטישער, וועל־כער פערמאגט א בעדייטענדען פילאזאפישען עלעמענט, די „קבלה העיונית," האט פאר זיך קיין וועג ניט געקענט דורכ־שלאגען. די, וואס האבען זיך מיט דעם למוד הקבלה אבגע־

געבען, האבען זיך מייסטענס נאר מיט דער „קבלה מעשית,“ מיט דער פראקטישער קבלה בעשעפטיגט. דער הויפט אינ־האלט פון וועלכער איז בעשטאנען אין „סגופים,“ אין אנט־לויפען פון לעבען, פון פערגניגען זיך אבזאגען, אין „השבעות“ פערשיעדענע מאכען און אין „קמיעות“ שרייבען.

און אויב עס איז פיעל אמת פערהאן אין דער בעהויפ־טונג, אז צווישען דער חכמת־הפלוסופיא און דער חכמת־הקבלה איז קיין אונטערשיעד פערהאן, ווארום זיי רעדען נאר אין פערשידענע שפראכען, ווארום דער אונטערשיעד צווישען די חכמי הקבלה און די חכמי הפלוסופיא איז נאר אין דער טערמינאלאגיע אליין, מיט וועלכער זיי בענוצען זיך: די אפערירען מיט די טערמינען „ספירות“ און „שמות“ און די מיט די טערמינען „תוארים“ און „פעולות“ —

אויב עס איז פיעל אמת פערהאן אין דיזער בעהויפטונג, בעציהט זי זיך נאר אויף דער קלאסישער קבלה, וואס האט אין שפאניען געבליהט, ווארום זי האט ווירקליך פיעל טיע־פען פילאזאפישען אינהאלט פערמאגט אין זיך, אבער ניט אויף דער קבלה פון פוילישען אידענטום אין אט יענער תקופה, וועגען וועלכער מיר האבען אויבען גערעדט, אויף דער קבלה פון יענעם פעריאד יאהרען, וועלכע האט קיין פילאזאפישען שוואונג אין זיך ניט פערמאגט און האט זיך מעהר מיט אבער־גלויבען און קרענקליכער שווערמערי־ ווי מיט פילאזאפיע און פאעטישער פאנטאזיע, געשפייזט.

## ב.

# די אידישע מיסטיקער צווישען דער פּאריזער קריסטליכער אַריסטאקראטיע.

די קבלה מעשית אין פּאדאליען.—דער איינפלוס פון איינינע אידישע בעלי־שם'ען אויף דער הויכער פּאריזער קריסטליכער אַריסטאקראַטיע. — די פּאריזער קעניגין ווענדעט זיך צו איינעם פון זיי, ער זאל זי מיט א זרע של קיימא בענשען. — דער אונטערשיעד צווישען די בעלי־שם'ען אין פּוילען און די בעלי־שם'ען אין פּאדאליען.

אַט אַזוי האָט זיך די קבלה מעשית וואָס ווייטער און ווייטער אלץ מעהר און מעהר פערשפּרייט אין פּוילען און רוסלאנד. דער צענטער איהרער איז געווען אין פּאלעסטינא, וואו עס האָט עקזיסטירט די לוריאנער שולע, וואָס איז געגרינדעט געווארען פון האר"י הקדוש און זיינע תלמידים, און האָט נאָך מעהר לעבענס־זאַפטען און שאפענדע ענערגיע צוגעקראגען דורך די מקובלים־עמיגראנטען, וואָס האבען אין דער בעגלייטונג פון חיים מלאך און יהודה חסיד קיין פּאלעסטינא עמיגרירט.

און פון דאָרטען האָט זיך איהר השפעה געצויגען אין די אלע אידישע ישובים, וואָס האבען זיך אין פּוילען און איהרע גרעניצען געפונען.

און א דאנק דעם וואָס די קבלה מעשית האָט זיך אלץ מעהר און מעהר צווישען דעם אידישען ישוב אין פּוילען און רוסלאנד פערשפּרייט, האבען זיך דאָן אַט יענע פּערזענליכקייטען אנגעהויבען צו באַווייזען אין דער אידישער

וועלט, וועלכע דאָס פאָלק האָט מיט דעם נאָמען „בעל שם“ געקרוינט.

דיזע הארציגע פערזענליכקייטען האָבען ניט נאָר פאַר זיך אין זייערע אָבגעשלאָסענע ד׳ אמות מיט דער קבלה מעשית זיך בעשעפטיגט. זיי זיינען טעטיגע נאַטורען געווען און האָבען אַ ברייטען פעלד פאַר זייער טעטיגקייט בע־דארפט. זיי זיינען אונרוהיגע גייסטער געווען, האָבען זיי פון שטאָדט צו שטאָדט געוואַנדערט און איבעראַל זייער ענערגיע אויסגעבראכט. זיי האָבען פיעל הארציגקייט און טיעפען מיטלייד צו זייערע מיטמענשען פערמאָגט, זיינען זיי צו די ברייטע שיכטען פון פאָלק געגאַנגען און האָבען מיט זיך פאַר זיי זייער הילף געבראכט. דאָס פאָלק פלעגט זיך צו זיי מיט גוואַלדיג גרויסען רעספעקט בעציהען. זיי האָבען אויף זיי, ווי אויף געטליכע מענשען געקוקט און האָבען געגלויבט אַז זיי זיינען בכח נסים און וואונדער צו ווייזען.

אין יעדער עת צרה און אין יעדער פערלעגענהייט פלעגען זיי זיך צו די בעלי שם׳ן ווענדען.

זיי פלעגען זיך ווענדען צו זיי, זיי זאָלען זייערע קראנקע היילען, זייערע סכסוכים שליכטען און זיי גאָט׳ס וואָרט לאָזען הערען.

וואו עס איז נאָר אַ גרויסער אידישער ישוב געווען, האָבען זיך דאָרטען בעלי שם׳ן געפונען.

אפילו אין לאָנדאָן האָבען זיי זיך געפונען און פון דאָרטען פלעגען זיי אויך איבער פאַריז זייער איינפלוס אויסאיבען.

און ניט נאָר צווישען די אידישע מאַסען האָט מען אויף די בעל שם׳ן ווי אויף געטליכע מענשען געקוקט. צו פיעלע פון זיי האָט זיך אויך די העכערע קריסטליכע גע־

זעלשאפט מיט גוואלדיגער עהרעפורכט בעצויגען און זיי־
האבען אויף איהר א גוואלדיגען איינפלוס אויסגעאיבט.

אט אזוי ווערט אונז דערציילט וועגען איינעם א לאנ־
דאנער בעל שם וואס איז געקומען פון לאנדאן קיין פאריז
אויף „גאסטראלען". ער האט זיך דארטען אין דער אנ־
וועזענהייט פון די פיעלע פון די גרעסטע קריסטליכע אדעל־
לייטע פוןביידע געשלעכטען מיט קבלה מעשית און
השבעות בעשעפטיגט און האט א גוואלדיג שטארקען איינ־
דרוק אויף דער פאריזער העכערער געזעלשאפט נאך זיך
איבערגעלאזט.

די מארקיזעס פלעגען זיך אונטער זיין איינפלוס מיט
דעם שטודיום פון דער ביבעל פערנעהמען, און פלעגען
מלאכים און גייסטער זעהן און פערברענגען מיט זיי. אין
א משך פון א קורצער צייט זיינען זיי שוין אויף אזוי פיעל
„בעהאווענט" געווארען אין דער „מלאכה" פון מלאכים און
גייסטער ארויסרופען, אז זיי זיינען שוין געווען אימשטאנד
צווישען „גוטע" און „בייזע" אונטערצושיידען, און ווען זיי
האבען געזעהן, אז דאס האבען די חברה פון דער „סטרא
אחרא" א וויזיט זיי אבגעשטאטעט, פלעגען זיי זיי פער־
טרייבען פון זיך. זיי פלעגען אויך ביי זיך ספרי־קבלה
האלטען.

איינער פון די וואס האבען זיך אין יענעם דור מיט
קבלה מעשית בעשעפטיגט און האט א גוואלדיגען איינפלוס
אויסגעאיבט אויף פיעלע קריסטליכע אריסטאקראטען, וועל־
כע האבען איהם אלס איש אלקים באטראכט, איז אויך גע־
ווען דער גרויסער גאון און מקובל ר' חיים יוסף דוד אזולאי
דער הרב חיד"א.

ער האט צווישען די גרעסטע פערזענליכקייטען פון
פאריז א גרויסען נאמען געהאט און זיי פלעגען איהם אלע

מיט אמת׳ער יראת־הרוממות מקרב זיין. די קריסטען פלע־
גען איהם אויף זייערע „פארטיעס“ איינלאדען און אין
קארעטען ארומפיהרען און מיט מתנות איהם פארווארפען.
די פרויען פון די גרעסטע אריסטאָקראטען, מארקיזעס און
פיעלע פון די הויף־דאמען פלעגען זיין געזעלשאפט זוכען,
פלעגען מיט איהם וועגען עניני־קבלה און מופתים שמועסען
און זיין ברכה בעטען.

איבעראל, אוואו ער איז געקומען, פלעגט מען איהם
אלס א געטליכען מאן בעטראכטען, און פיעלע פלעגען זיך
ווענדען צו איהם ער זאָל זיי בענשען, זייערע לאָטערעע
בילעטען זאָלען געווינען און אז גאָט זאָל זיי א זרע של
קימא געבען.

זיין איינפלוס אויף פיעלע פון די קריסטליכע אריס־
טאָקראטען איז אזוי גרויס געווען, זייער גלויבען אין איהם
איז אזוי שטארק געווען אז זיי האָבען א שרעק געפיהלט,
אין זיין אנוועזענהייט אלס קריסטען צו פיגורירען. פלעגען
זיי איהם פארזיכערען, אז נאָר אין אידישען גאָט גלויבען
זיי, און האָבען אין זיין אנוועזענהייט זייער גלויבען אין דער
„דריי איינינקייט“ פארלייקענט. צווישען די פרויען פון די
העכסטע אריסטאָקראטען פון לאנד האָט זיך זאָגאר אויך די
פאריזער קעניגין געפונען. זי האָט זיך צו איהם געווענדעט,
ער זאָל זי בענטשען, זי זאָל אין טראָגען פערגעהן. און ווען
זי איז ווירקליך נאָך דער ברכה טראָגענדיג געוואָרען, האָט
די גאַנצע אריסטאָקראטישע וועלט פון פאריז מיט דעם נס
געקאָכט. זיי האָבען אלע געגלויבט, אז דאָס איז נאָר אין
זכות פון דער ברכה פון אידישען צדיק פארגעקומען.

---

אין אנהויב פון פינפטען יאהרהונדערט לאלף הששי
האָט זיך שוין א גאַנצע רייהע פון בעל שם׳ן געפונען. אין

דער צייט פון גזירות ת"ח האט ר' יואל בעל שם דער ער־שטער געלעבט און געווירקט. עס זיינען אונז אויך געבליבען די נעמען פון אייניגע אנדערע בעל שם'ען וואס האבען אין יענעם דור און מיט א דור שפעטער געלעבט, ווי ר' אליהו בעל שם, ר' אדם בעל שם און ר' יואל בעל שם דער צווייטער.

און, ווי איך האב שוין פריהער געשריבען, זיינען ניט נאר לעהרער און וועג־ווייזער דיזע בעל שם'ן פאר די אידישע מאסען געווען. זייער טעטיגקייט אין אידישען לעבען דא־מאלס איז באשטאנען ניט נאר אין דעם, וואס זיי האבען די ברייטע אידישע פאלקס שיכטען ניט פארנאכלעסיגט, נור אין דעם, וואס זיי האבען זיך צוגעפאסט צו דער השגה — דאס, וואס די רבנים און לומדים האבען ניט געטאן — פון פראסטען פאלק און זיינען נעגאנגען איהם גאט'ס תורה לערנען און אין זיינע דרכים מדריך זיין. זיי זיינען אויך זיי־נע דאקטוירים און בעלי יועצים געווען. מיט פערשידענע גראזען און קמיעות און, הויפטזעכליך, מיט דעם גרויסען היפנאז, וואס זיי האבען אויף זייערע פאציענטען אויסגע־איבט, האבען זיי די קראנקע געהיילט.

אויף וויפיעל עס איז גרויס און ברייט זייער טעטיגקייט אויף דיזען געביעט געווען, קען מען זעהן דערפון, וואס די דאקטוירים און רופאים פון יענער צייט האבען זיי פאר בלוטיגע קאנקורענטען בעטראכט און האבען געגען זיי א ביטערען קאמפף אנגעפיהרט.

עס איז אונז פון יענער צייט א מערקווירדיגער דאקו־מענט פארבליבען, א תפלה, וואס איינער פון די בעל שם'ן האט פאר זיך און פאר די חברים זיינע פארפאסט, זי זאל פון זיי יעדען פריהמארגען פארגעבעטען ווערען.

דיעזע תפלה בעשטעטיגט דאס וואס איך האב אויבען געשריבען וועגען דער בעציהונג פון די רופאים און דאקטוי־

רים צו די בעל שם'ן פון יענער צייט און קען אונז אויך אלס בעסטער באווייז דיענען, וואס פאר א גרויסען און וויכ־טיגען פלאץ דער בעל שם אינסטיטוט האט דאמאלס אין אידישען לעבען פארנומען.

זיי מיר מציל, רבונו של עולם, — לייענט זיך דיעזע תפלה, — פון שנאה און קאנקורענץ. איך זאל אנדערע ניט מקנא זיין און אנדערע זאלען אויך צו מיר קיין קנאה ניט פיהלען. מאך רוהען צווישען מיר און אנדערע דאקטוירים ליעבשאפט, ברידערליכקייט, שלום און פריינדשאפט, איך זאל זיך ניט בעדארפען שעמען אין זייערע אויגען, נאר איך זאל זיין געשעצט פון זיי, און פון מיין שונא זאלסטו מיר מיט מעהר חכמה בעשיצען און מיין קאפ זאל איבער אלע מיינע פיינד ארום מיר דערהויבען ווערען. מיט חכמה און וויסען זאלען מיינע ליפען קלאר און דייטליך רעדען, אזוי אז איך זאל פון זיי אלס מוסטער און וואונדער בעטראכט ווערען און קיינער זאל קיין בייזעס אויף מיר און אויף מיינע טהאטען רעדען... איך בעט דיר, גאט, דער גאט פון אלע גייסטער און קערפער, איין זאך בעט איך פון דיר, דו זאלסט מיינע קרעפטען און זכרון שטארקען, און אז איך וועל געהן א חולה בעזוכען, זאלסט דו מיר באלד די ריכטיגע רפואות דערמאנען אין פאל אויב איך האב זיך שוין וועען בענוצט מיט איהר. און אויב ניט — בעט איך דיר, דו האר און בעל הבית פון די אלע סיבות אין לעבען, אז דו זאלסט אזוי די אומשטענדען צוזאמענברענגען אדער דורך דעם וואס איך זאל א וכוח צווישען דאקטוירים ביווארינגען, איך זאל זוכה זיין די רפואה צו וויסען. *)

---

*) הצילני משנאה ומתחרות ולא אקנא באחרים ולא תהא קנאת אחרים עלי, אלא השכן בני ובין רופאים אחרים אהבה, אחוה ושלום ורעות, ולא אבוש ולא אכלם בעיניהם, אלא אהיה מכובד בעיניהם. ומאויב תחכמני וירום ראשי על אויבי סביבותי, מחכמת, ודעת שפתי ברור ימללו

פון דיזער תפלה שיינט ווירקליך די „בעל שם׳עריי״ א גאנצע „אינדוסטריע״ צו זיין דאמאלס אין אידישען לעבען. אן אינדוסטריע אויף דעם פעלד פון וועלכען עס האט א גאנצע גרופע געארבייט, אין וועלכער עס איז א גאנצער „קלאס״ געווען פעראינטערעסירט, א גאנצער קלאס וועלכער האט געהאט נויטיג זאגאר א ספעציעלע תפלה פאר זיך.

---

און אויב די קבלה פון פולין איז שטארק ניט עהנליך געווען אויף דעם מקור איהרען, אויף דעם אידישען מיסטיציזם, וואס האט אין די גליקליכע יאהרען אין שפאניען געבליהט, איז נאך מעהר און גרעסער דער אונטערשיעד געווען צווישען דעם שענעם און טיעפען שפאניש־אידישען מיסטיציזם און דער אידישען׳ קבלה, וואס האט פאר זיך אין פאדאליען און אין די ארומיגע געגענדען פלאץ געפונען.

די אידען פון דיזע מקומות זיינען פיעל הינטערשטע־ליג געווען, וואס אנבעלאנגט זייערע ידיעות אין תורה, פון די אידען אין פוילען. אין פערגלייך מיט די אידישע ישובים אין פוילען, וואו עס האבען זיך גרויסע גאונים און רבנים געפונען, וואו עס איז א גאנצע נעץ פון פיעלע ישיבות גרויסע געווען, האבען די אידען פון פאדאליען און אין די ארומיגע געגענדען כמעט גאר ניט פערמאגט דאמאלס. די אידישע בעפעלקערונג אין פאדאליען איז דאמאלס אין דעם מעהרסטען און גרעסטען טייל איהרען זעהר אונוויסענד און פארגראבט געווען.

און דאריבער האט דארטען נאך מעהר ווי אין פוילען

---

עד שהוה לאות ופלא בעיניהם ולא יהיה פוצה פה ומצפצף רע עלי ולא על מעשי... אנא, אל אלהי הרוחות לכל בשר אחת שאלתי מאתך, שתחזק כחי וזכרוני וכשאלך לבקר חולה הזכירני מיד רפואות הראוי לו, ואם לאו מתחנן אני לפניך, אדון כל הסבות, שתסבב סבות וגלגולים או איזה וכות בין רופאים עד שאזכה לידע רפואתו.

נאר די קבלה מעשית, די פראקטישע קבלה, געקענט פאר זיך פלאץ געפינען. דער ווילדער אבערגלויבען און דער פרי־מיטיווער ארט פון פיהלען און דענקען פון דער ארומיגער בעפעלקערונג — דאס אלעס איז אויך אין אידישען לעבען געווען צו באמערקען. עס איז דארטען קיין פלאץ געווען פאר א פילאזאפישען מיסטיציזם, וואס זאל דאס הארץ און מארך שפייזען, זיי זיינען נימי גענוג ענטוויקעלט געווען פאר דער קבלה העיונית, פאר דער טעארעטישער קבלה. צו זיי האט געקענט נאר אן הגשמה׳דיגער מיסטיציזם אפעלירען, זיי האבען בלוט־און־פלייש מיסטעריען בעדארפט, וואס זאל זייער פרימיטיוו געפיהל בעפרידיגען.

און דערמיט ערקלערט זיך וואס די אלע מיס־טעריעזע און מיסטישע בעוועגונגען, וואס זיינען פון דער שבתי צבי עפאכע ביז צו דער צייט פון יעקב פראנק אויף דעם אידישען באדען אויסגעוואקסען, האבען אזא פרוכט־בארען באדען אין פאדאליען און אין איהרע גרעניצען פאר זיך געפונען. פאדאליען איז פאר דיזע אלע לעהרען און בע־וועגונגען דער הויפט נעסט געווען.

און אויך די בעל שם׳ערייי פון פאדאליען האט אן אנדער פנים געהאט, ווי די פון די אנדערע אידישע ישובים. זי איז מעהר פראסט און מגושם׳דיג געווען.

די אידישע מאסען אין פאדאליען וואס זיינען אין זייער ארט דענקען און פיהלען און אין פיעלע פון זייערע לעבענס־פארמען אזוי עהנליך געווען אויף דער ארומיגער כויערשער בעפעלקערונג, האבען זעהר א פראסטע און מגושמע פארשטעלונג וועגען זייערע בעל שם׳ען געהאט. זיי האבען זיי מעהר אלס „טרעפער“ און „סגולות־געבער“ בע־טראכט, ווי אלס לעהרער און וועג־ווייזער. די בעציהונג זייע־רע צו זיי איז כמעט דיזעלבע געווען, ווי די בעציהונג פון

די פויערשער בעפעלקערונג צו די אַלע פערשיעדענע מכשפים און טרעפער, וואָס ז י י ־אבען פערמאָגט.

---

אַט אזוי איז דער מצב אין פּאדאליען געווען ביז ר׳ ישראל בעל שם טוב איז געקומען און האָט דעם בעל שם׳ענטום אין פּאָדאליען זיין גרעסטען תקון געבראכט, ביז ער איז געקומען און האָט איהם צו אזאַ הויכער מדרגה דער־הויבען, צו וועלכער עס האָט קיינמאָל און אין ערגעץ ניט דערגרייכט.

## ז.

# די טעטיגקייט פון בעל שם באלד נאך זיין התגלות.

דער בעל שם הויבט אן אנצופיהרען זיין בעל שם טהעטינקייט. — ער נעהמט צו א סופר, ער זאל איהם העלפען די קמיעות און לחשים שרייבען. — אין פיעלע פריצישע הויפען איז ער זייער בעצאהל־טער דאקטאר געווען. די דאקטוירים קוקען אויף איהם, ווי אויף זייער א קאנקורענט. — דער בעל שם שיקט דאך אמאל צו זיי זיינע פאציענטען. — ער בעקעמפפט דעם גלויבען פון די אידישע מאסען אין מכשפים און טרעפער.

עס האבען זיך אלזא געענדיגט די זעקס און דרייסיג יאהר, וואס דער בעל שם האט בעדארפט אלס נסתר לעבען. עס איז דער מאמענט געקומען, ווען ער האט בעדארפט פאר דער וועלט נתגלה ווערען. עס איז די צייט געקומען, ער זאל פון זיין בעהעלטעניש ארויסגעהן און קומען צום פאלק און אנווייזען איהם אויף די וועגען, וואס קענען איהם צו גאט פיהרען.

ווי גרויס אבער א פערזענליכקייט זאל ניט זיין, ווי איבערפילט מיט אייגענעם ריינעם אינהאלט עס זאל ניט זיין די אינערליכע וועלט פון דעם אדער יענעם גרויסען מענשען, לעגט אויף איהם דאך די צייט, אין וועלכער עס קומט איהם אויס צו לעבען און ווירקען, איהר שטעמפעל ארויף. ווי אייגענארטיג און אינדיווידועל זיין טעטיגקייט זאל ניט זיין,

מוז זי דאך אט יענע פארמע אננעהמען, וועלכע די לעבענס־אומשטענדען פון זיין צייט דיקטירען איהם.

און דעריבער האט אויך די טעטיגקייט פון בעל שם באלד אין די ערשטע יאהרען נאך זיין התגלות אנגענומען די אייגענע פארמען, אין וועלכע עס האט זיך אויסגעגאסען דאמאלס די טעטיגקייט פון אלע גרויסע פאלקס־פערזענליכקייטען, וואס האבען זייער לעבען אוןווירקען די ברייטע מאסען פון אידישען פלק געווידמעט.

די לעבענס־פארמען פון די אידישע מאסען אין פאדאליען און אין גאליציען צו יענער צייט, זייער קולטורעלער צושטאנד דאמאלס, די טעטיגקייט וואס פיעלע בעל־שם׳ען האבען דאמאלס אין יענע געגענדען אנגעפיהרט, דאס אלעס האט מיטגעבראכט דערצו, אז דער אינהאלט פון דעם התגלות־מאמענט זיינעם זאל בעשטעהן אין דעם, וואס דאס פאלק זאל אויך איהם אלס בעל שם קרוינען, האט מיטגעבראכט דערצו, אז אלס בעל שם זאל ער נתגלה ווערען.

סיי־ווי־סיי, ר׳ ישראל, וועלכער איז ביז יעצט אלס בור און עם הארץ בעוואוסט געווען, האט זיך יעצט פאר דער וועלט אלס בעל שם בעוויזען. ער האט באלד איינגעלאדען צו זיך ר׳ אלכסנדר שוחט, ער זאל איהם ארויסהעלפען שרייבען פאר די, וואס האבען זיך געווענדעט צו איהם, די פערשידענע אפשפרעכונגען, קמיעות און סגולות, זאכען אהן וועלכע קיין בעל שם האט דאמאלס זיין בעל שם טעטיגקייט ניט געקענט אנפיהרען, און וועלכע ער האט אויך דעריבער געמוזט אין זיין טעטיגקייט איינשליסען.

שוין אבער אויף דעם געביט אפילו איז ער זיך זיין אייגענעם וועג געגאנגען און האט זיך געסטארעט, די טעטיגקייט זיינע זאל א וואס מעהר פיינערען און ריינערען כא־

ראקטער טראגען און זאל וואס מעהר פון וואולגארען אבער־גלויבען זיין אויסגעטהאן.

אויב ער האט ניט געקענט דעם גאנצען ענין פון קמיעות־שרייבען אין זיין טעטיגקייט פערבויגען דערפאר, וואס ער איז דאך סוף־כל־סוף אין פיעלע היגזיכטען א פראדוקט פון זיין צייט געוועו, דערפאר וואס ער איז דאך ניט אויף אזוי פיעל רעליגיעזער רעפארמאטאר געוועו, אויך ער אליין זאל זיך גע־וועו קענען גאר אין גאנצען פון דעם גלויבען אין דעם גרוי־סען כח פון די קמיעות בעפרייען: אויב ער האט דאס ניט געקענט טהאן אויך דערפאר, וואס דאס אלעס האט דאס פאלק בעדארפט און געפאדערט דאמאלס און וואלט אהן דעם קמיעות־שרייבען זיין טעטיגקייט אלס בעל שם ניט געוועו געקענט אנפיהרען, האט אבער דאך זיין פיינער חוש אונבעוואוסטזיניג עפעס א מין אבנייגונג צו דעם גאנצען ענין געפיהלט.

און דעריבער האט ער וואס ווענינער צערעמאניעס גע־מאכט מיט די קמיעות, וואס ער האט געשריבען און געגעבען צו די וואס האבען זיך געווענדעט צו איהם. ער האט גע־וואלט, אז די אנהענגער זיינע זאלען ניט לעגען קיין צופיעל געוויכט אויף זיי, אז זיי זאלען ניט האבען אזא שטארקען בלינדען גלויבען אין זיי. אויף וויפיעל עס איז נאר מעגליך געוועו האט ער געזוכט צו בילדען א פיינערע פארשטעלונג ביי די אידישע מאסען וועגען דעם כח וואס די קמיעות בע־זיצען. ער האט געוואלט איינפלאנצען דעם גלויבען אין זיינע אנהענגער, אז ניט די קמיעות אלס אזעלכע איז דער עיקר, נאר די גוטע כונה, די תפלה, דאס ווענדען זיך צו גאט.

און דעריבער פלעגט ער געבען נאר א לעדיג שטיקעל כשר פארמעט, אויף וועלכען עס פלעגט קיין זאך ניט זיין אנגעשריבען, ווערענד די „בעלי שם'ען", וואס זיינען גע־

ווען פאר איהם, פלעגען שרייבען קמיעות אויף וועלכע עס פלעגען זיך געפינען הונדערטער פערשידענע „שמות" און „צרופים".

אויב דער מבקש — דער, וואס בעט די הילף — האט די זכיה געהאלפען צו ווערען — פלעגט ער זאגען — קומען במילא דאמאלס די נשמות פון די הייליגע מלאכים, וועל־כע זיינען ממונה אויף דיזען ענין און זיינען משפיע פון זייער ליכטיגקייט אויף דעם לעדיגען און כשר'ען שטיקעל פארמעט.

און איינמאל האט מען איהם געוויזען א קמיע פון גרוי־סען מקובל ר' נפתלי ב"ץ, האט ער באלד דערקענט, אז זי איז געשריבען געווארען, ווען ער האט נאך אין טבילות און אין תענית פערבראכט, און ער האט זיך אנגערופען צו די, וואס זיינען נעבען איהם געשטאנען דאמאלס: „איך קען אזא קמיע שרייבען באלד נאכ'ן עסען, זיצענדיג אויפ'ן בעט".

און אויך אין זיין קאמפף מיט די פערשידענע שדים און „לצים" — דערצעהלט אונז די לעגענדע — האט ער זיך מעהר מיט דעם כח פון זיין ווארט בענוצט, ווי מיט אב־שפרעכונגען און קמיעות. עס איז גענוג געווען, ער זאל אמאל נאר די ווערטער „ישראל בן אליעזר יש כאן" פון זיין מויל ארויסברענגען, זיי זאלען פערפליהען וואו דער שוואר־צער פעפער וואקסט. אמת, פיעלע מאל פלעגט ער אויך פון זיי צו זינגען און צו זאגען האבען. זיי פלעגען איהם צייטענווייז קראנק און מיעד מאכען און פלעגען זיך פיעל לוסטיג מאכען איבער איהם. ענדליך פלעגט ער אלץ אבער דער זיעגער פון שווערען קאמפף ארויס.

און וואס ווייטער איז אלץ מעהר זיין נאמען געוואקסען, איז ער אלץ מעהר נתפרסם געווארען. פון די אלע ארומיגע

געגענדען האָט מען זיך צו איהם געווענדעט, און ער האָט שטענדיג וואונדער גרויסע געוויסען.

פיעלע לעגענדען דערצעהלט אונז דער חסידיזם וועגען זיין טעטיגקייט צו יענער צייט, וועגען די וואונדער וואָס ער האָט דאַן געוויזען אויף דעם געביט פון קראַנקע היילען און „לצים" ארויסטרייבען.

עס איז אָבער דאָס אַלעס פאַר דעם חסידיזם ווייניג געווען. דאָס אַלעס האָבען דאָך אויך די איבריגע בעלי שם'ען דאַמאָלס געטהאָן. דערהויבט ער איהם שוין אויך אין יענעם פעריאָד יאָהרען צו אַזא מדרגה, צו וועלכע קיינער פון די בעלי שם'ען וואָס זיינען פאַר איהם געווען, האָבען ניט דער־גרייכט. אמת, אויך זיי האָבען דורך פערשידענע קמיעות און אָפּשפּרעכונגען קראַנקע געהיילט און לצים פערטריבען. דער בעל־שם טוב איז אָבער ניט נאָר א „רופא חולים" געווען, ער האָט שוין דאַמאָלס אויך דעם „ניצוץ" פון א נביא פער־מאָגט. ניט נאָר האָט ער געוואוסט, ווי אַזוי די אַלע פער־שידענע קראַנקהייטען צו היילען, נאָר ער האָט אויך פאָר־אויסגעזעהען די קראַנקהייטען, איידער זיי זיינען געקומען און האָט די רפואה פאַר דער קראַנקהייט צוגעגרייט.

דו וועסט קומען פון וועג — שרייבט דער בעל שם צום בעלאַצערקווער *) רב — וועסט דו טרעפען אין הויף פון דיין הויז א גרויסען טומעל און צונויפגעלויף פון מענער, ווייבער און קינדער, און דו וועסט פאַר גרויס פּחד אין חלשות פאַלען. און דאַמאָלס, ווען מען וועט דיך צו זיך ברענגען, זאָלסט דו הייסען מען זאָל דיר בלוט לאָזען פון צוויי אדערען און דו זאָלסט באַלד א שליח מיוחד שיקען, מיר מודיע זיין וועגען טומעל, וואָס איז דאָרטען פאָרגעקומען. כאָטש איך

*) שוואַרץ־טומאה. צוליעב כבוד התורה האָב איך זיך דאָ מיט דעם וואָרט שוואַרץ־טומאה ניט געוואָלט בענוצען.

פערמאָג אפילו דאַנקען גאָט אויגען קלאָהרע, צו זעהן, וואָס עס קומט גאָר ווייט פאָר, פון דעסטוועגען זאָלסט דו מיר א בריעף שיקען דורך א שליח. נאום ישראל בעש"ט.

ר׳ מיכל זלאטשאָווער האָט ער איינמאָל געהייסען פאָה־רען באַלד א היים, און, ווען זיין פרוי וועט א שווער געהן־צו־קינד האָבען, זאָל ער איהר די און די ווערטער אין אויער איינרוימען, וועט דאָס „האָבען" איהרם בשלום איבערגעהן.

אָט אזוי האָט געזוכט די פאָלקס־לעגענדע אַלץ העכער און העכער איבער דער מדרגה פון גלאָט א בעל שם דעם בעל שם טוב צו שטעלען. צו דערהויבען איהם פון דער מדרגה פון א בעל שם וואָס איז ניט אזא גרויסער, חשוב׳ער און בכבוד׳ער נאָמען געווען צו יענער זייט, צו דער מדרגה פון א צדיק און א נביא.

היילען קראַנקע האָט יעדער איינער בעל שם געקענט. קיינער פון זיי איז אבער ניט א בעל הבית אין הימעל געווען. קיינער פון זיי האָט דאָרטען קיין דעה ניט געהאַט. אַנ־דערש איז דאָס אָבער מיט דעם בעל שם געווען. האָט ער געזאָגט עפּעס א וואָרט, האָבען זיי איהם געמוזט פאָלגען דאָרטען. אמת, עס פלעגט איהם אפילו אמאָל אויסקומען זיין עולם הזה און עולם הבא אין קאַן איינצושטעלען. זיינס פלעגט ער אָבער שטענדיג אויספיהרען, אפילו דאַן, ווען ער האָט זיך איינגעשפּאַרט ט׳ נשמה צוריק אין איהר טויטען קער־פער פון הימעל אַראָבצוברענגען.

איינמאָל— דערצעהלט אונז איין לעגענדע — האָט ער געטראָפען דעם מלאך המות שטעהן נעבען א קראַנקען. האָט ער אויף איהם „גוער בנזיפה" געווען, און דער מלאך המות איז אַנטלאָפען און דער חולה איז באַלד געזונד געוואָרען.

א צווייטען מאָל האָט ער נאָך א גרעסערען וואונדער גע־וויזען:

ער איז געשטאַנען נעבען א חולה, די נשמה פון וועלכען האָט שוין גאר איז גאַנצען איהר גוף פערלאָזט, און דער חולה איז שוין געשטאָרבען געווען.

דער בעל שם האָט אָבער געשוואָרען, אז דער חולה מוז צוריק לעבעדיג ווערען.

האָט ער זיך אָנגערופען צו דער נשמה:

דו וועסט מוזען צוריק איין קערפער קומען, ווייל איך וועל ניט שווערען אויף פאַלש.

און די נשמה האָט ווירקליך געמוזט צוריק אין גוף אריינקומען.

און דער קראַנקער איז באַלד געזונד און שטאַרק געווארען.

אמת, מען האָט זיך מיט איהם אין הימעל פאַר דיעזער געשיכטע אָבגערעכענט. פאַר דער שבועה וואָס ער האָט געגעבען, דורך וועלכער ער האָט דעם הימעל געצוואונגען „משנה בראשית" צו זיין, האָט ער זיין עונש בעקומען: פייערדיגע ריטער. ער האָט אָבער דאָס זייניגע אויסגע־פיהרט.

און דאָס איז, ווי די פאָלק'ס לעגענדע פערזיכערט אונז, ניט קיין איינציגער פאַל געווען.

זי דערצעהלט אונז וועגען פיעלע, פיעלע פעלע, אין וועלכע דער בעל שם האָט טוידטע מענשען צוריק צום לעבען געבראַכט.

און איינמאָל האָט ער זאָגאר לעבעדיג געמאַכט א מענ־שען, וואָס ער איז שוין פריהער מיט פיעלע יאָהרען געשטאָר־בען, כדי ער זאָל קומען און עדות זאָגען אויף די גרויסע וואונ־דער, וואָס דער בעל שם קאָן בעווייזען.

צווישען די פיעלע תחית־המתים לעגענדעס, וואָס די

פאלקס־פאנטאזיע האט וועגן בעל־שם געשפינט, געפינט זיך אויך די פאלגענדע לעגענדע:

דער בעל שם האט איינמאל איינעם צוגעזאגט א בן־זכר.

איז דאס קינד ווירקליך געבוירען געווארען ביי איהם.

עס איז אבער באלד געשטארבען.

דער פאטער פון קינד האט זיך דאן מיט ביטערע טרערען בעגאסען.

דער בעל השם האט אבער אויף איהם גוזר געווען. ער זאל אויפהערען וויינען.

ער האט איהם געהייסען, ער זאל אלעס פאר דעם ברית מילה צוגרייטען.

און איך אליין — האט ער געזאגט צו איהם — וועל די ברכות מאכען.

ווען עס איז דער טאג פון ברית געקומען, האבען זיך פיעלע מענשען אין הויז פון פאטער פערזאמעלט.

גאר א קלייניגקייט. אזא גרויס'ער וואונדער געהט עס באלד בעוויזען ווערען.

האט מען דאס טויטע קינד אין הויז אריינגעבראכט.

דער מוהל האט איהם געאידישט.

עס האט זיך אבער קיין בלוט ניט בעוויזען.

האט מען אויך די מצוה פון מציצה מקיים געווען.

אויך דאס מאל האט זיך קיין בלוט ניט געוויזען.

דער בעל שם אבער האט זיך ווייניג געקימערט וועגען דעם אלעם.

ער האט געוואוסט, אז באלד, באלד געהט דער גרויסער נס געשעהן.

האט ער אנגעהויבען די ברכות צו זאגען.

און ווען ער איז געקומען צו די ווערטער „לקיים את

הילד הזה לאביו ולאמו" — דאס קינד זאל א קיום האבען בײ זײן פאטער און מוטער — איז ער א לאנגע, לאנגע װײלע שטעהן געבליבען ביז די „נשמה פון קינד איז צוריק צו איהם געקומען און עס האט פון זײן מילה בלוט א שפראץ געטהאן".

---

דער נאמען פון בעל שם איז אלץ מעהר געװאקסען. און װען ער פלעגט קומען אין װעלכער שטאדט, פלעגען צו איהם פערשידענע קראנקע קומען. „דערפון האט ער פיעל געלד אנגעקליבען". ער איז אויך צװישען די פריצים און דוכסים בעריהמט געװארען, װארום זײ האבען אלע געװאוסט, אז „ער איז אן אדם גדול און אויך א בקי אין חכמת הרפואה". ר' דוד מאקאװער, װאס האט צו יענער צײט געלעבט, דער־צעהלט, אז ער פלעגט דער בעצאהלטער דאקטאר פון פיעלע פריצישע הויפען זײן. דובנאװ װיל האבען, אז דער בעל שם האט װירקליך געװיסע עלעמענטארע ידיעות אין חכמת הרפואה געהאט.

טראץ דעם אבער, װאס דער בעל שם האט מיט אזא גרויסען ערפאלג געהײלט די אלע קראנקע װאס האבען זיך געװענדעט צו איהם, טראץ דעם װאס ער האט זאגאר אויך טויטע צוריק לעבעדיג געקענט מאכען, פלעגט ער אלײן אפט־מאל — דערצעהלט אונז די לעגענדע — עצה'ן זײנע פא־ציענטען, זײ זאלען זיך ניט פערלאזען אינגאנצען אויף איהם און זאלען זיך בעסער װענדען צו א דאקטאר.

און געטהאן האט ער עס טראץ דעם, װאס די רופאים פון די געגענדען װאו דער בעל שם פלעגט זײן טעטיגקײט אנפיהרען, פלעגען איהם שטענדיג פערפאלגען, היות, זײ הא־בען איהם אלס משיג גבול בעטראכט, און אײנער האט זיך בעריהמט זאגאר, אז ער װעט איהם טויטען.

ער פלעגט אפטמאל זיינע פאציענטען צו א דאקטאר שיקען, כאטש אין אלגעמיינעם האט ער אין זיין אייגענעם כח קראנקע צו היילען ניט ווייניגער געגלויבט, ווי אין דעם כח, וואס זיי בעזיצען דערויף און ער פלעגט כלל ניט קיינ־מאל קיין הכנעה ארויסווייזען פאר זיי, ווען עס פלעגט איהם אמאל אויסקומען זיך צוזאמענצוטרעפען מיט זיי.

איינמאל האט איהם א דאקטאר געפרעגט, מיט דער כונה זיך אביסעל לוסטיג מאכען איבער איהם, פון וועמען ער האט די חכמת הרפואה געלערענט, וואס ער נעהמט זיך אונטער קראנקע צו היילען. ער האט זיכער געמיינט, אז ער וועט דעם בעל שם מיט דיעזער פראגע זיבער ערנידעריגען און ער—דער בעל שם—וועט איהם ניט האבען וואס צו ענט־פערען דערויף.

דער בעל שם איז אבער וועניג וואס מבולבל געווארען פון דיעזער פראגע. ער האט איהם שטאלץ און דרייסט א קורצען ענטפער אויף זיין פראגע געגעבען:

איך האב די חכמת הרפואה פון השם יתברך געלערענט.

אויף דער פראגען פון דאקטאר, פאר וואס ער, דער בעל שם, האט מעהר ערפאלג געהאט מיט זיינע סגולות, ווי ער אליין מיט זיינע רפואות.

האט איהם דאן דער בעל שם געענטפערט דארויף:

דו האסט תופס געווען דעם חולה דורך גשמיות, און איך האב איהם תופס געווען דורך רוחניות.

גאנץ אנדערש האט זיך אבער דער בעל שם צו די פערשידענע טאטערס, טרעפער און אפשפרעכער בעצויגען. אויף וויפיעל עס איז איהם נאר מעגליך געווען האט ער זיך בעמיהט, ער זאל דעם גלויבען אין זיי מיט זיינע ווארצלען פון די הערצער פון די אידישע מאסען ארויסרייסען.

אויב ער פלעגט אמאל אליין הייסען זיינע פאציענטען,

זיי זאלען זיך צו א דאקטאר ווענדען, פלעגט ער זיי אבער שטענדיג פערזאגען, זיי זאלען זיך קיינמאל צו קיינע טאטערס און מכשפים ווענדען.

---

און עס קארגט ניט די פאלקס־פאנטאזיע קיינע פארבען צו שילדערען די גרויסקייט פון בעל שם צו יענער צייט ניט נאר אלס „רופא חולים" און „מחיה מתים", נאר אויך אלס „רואה" און „חוזה", אלס אזא איינעם, וואס האט ליכטיגע און אפענע אויגען געהאט צו זעהן מסוף העולם ועד סופו, צו זעהן און בעמערקען אזוינע זאכען, וואס קיינע אנדערע האבען ניט געזעהן און ניט בעמערקט.

די ברייטע שיכטען פון פאלק — דערצעהלט אונז די לעגענדע — פלעגען זיך ווענדען צו איהם ניט נאר דערויף, ער זאל זייערע קראנקע היילען, נאר אויך אין אלע אנדערע אנגעלעגענהייטען.

ווען מען האט ביי איינעם זיינע אקסען אוועקגע'גנב'עט, פלעגט ער קומען צום בעל שם טוב און ער פלעגט אין זוהר א קוק טהאן און זיך אנרופען: „יא, איך זעה די אקסען. דארטען און דארטען זיינע זיי".

און האט מען ווידער ביי איינעם א וואגען מיט סחורה אוועקגע'גנב'עט, פלעגט ער אויך קומען צום בעל שם, וועל־כער פלעגט אויך דאן אויסגעפינען דורך דעם „זוהר", וואו די סחורה געפינט זיך.

איינמאל איז ביי איינעם, א זעהר גרויסען עושר, זיין בן־יחיד ערגעץ אוועקגעפאהרען. זיינען פיעלע וואכען שוין געהאט אוועקגעגאנגען און ער איז נאך אלץ ניט געוועזן גע־קומען.

איז געקומען דער פאטער צום בעל שם און האט פאר איהם בדמעות שליש געוויינט.

האט דער בעל שם גענומען דעם „זוהר" און האט זיך צום פאטער אנגערופען:

זארג ניט, דיין זוהן לעבט און איז געזונד, א דאנק השם יתברך. און היינטיגען שבת וועט ער פארברענגען אין א דארף נעבען אונזער שטאדט.

בכלל איז דער „זוהר" קיינמאל פון טיש פון בעל שם ניט אראבגעגאנגען, און ער האט איהם זעהר שטארק פאר־געטערט.

אין דיעזען ספר — פלעגט ער זאגען — האט גאט בע־האלטען פאר די צדיקים אויף יענער וועלט די ליכט, וואס ער האט אין ששת ימי בראשית בעשאפען און דורך וועלכער גאט האט פון איין עק וועלט ביז צום צווייטען געקוקט.

„אז איך עפען אויף דעם ספר הזוהר" — האט ער איינ־מאל צו זיינע תלמידים געזאגט — „זעה איך די גאנצע וועלט".

---

און אויך אין חכמת הפרצוף — דערצעהלט אונז די לע־גענדע — איז גוואלדיג גרויס דער כח זיינער געווען.

ער האט געקענט אראבלייענען פון געזיכט פון מענשען די אלע חטאים זיינע.

איינמאל איז צו איהם דער שוואגער זיינער אין שטוב אריינגעקומען, און איידער יענער האט נאך בעוויזען רעכט צו איהם צו קומען, האט איהם דער בעל שם געזאגט, אז ער זעהט אויף זיין שטערען דעם חטא פון אן „אשת־איש" אויסגעקריצט.

מען קען זיך פארשטעלען, ווי איבערראשט ר' גרשון איז געווארען, ווען ער האט דיעזער ווערטער דערהערט. אבער ניט ווענינער איבערראשט איז אויך דער בעל שם אליין געווען.

דער גרויסער צדיק ר' גרשון זאל אין דעם חטא פון אן אשת איש נכשל ווערן...

האט מען אנגעהויבן נאכקלערן און נאכזוכן, און מען האט אויסגעפונען, אז דער אמת איז פארט מיט דעם בעל שם געווען.

די מעשה איז אזוי געווען:

ר' גרשון איז א פרוש פון זיין ווייב געווען.

און על פי דעם רמב"ם איז דער, וואס איז הנודר מאשתו, וואס נעהמט אויף זיך, ער זאל פון זיין ווייב קיין הנאה ניט האבען, טאר ער אויך קיין הנאה פון איהר צירונג ניט האבען.

ער איז אבער א גרויסער קבצן געווען, האט ער דעם ווייב'ס צירונג פערזעצט און האט דאס געלד אויף הוצאת־הבית פערנוצט.

און דאס איז געווען דער אשת־איש צייכען אויף זיין שטערן.

און באלד ווי דער ענין איז קלאהר געווארען — ענדיגט די לעגענדע — איז געווארען א געוואלדיגער רעש אין הי־מעל, ווארום דער רי"ף און דער רא"ש האבען זיך מיט דעם רמב"ם מפלפל געווען ביז זיי האבען איהם מנצח געווען, אז דער דין זאל ניט בלייבען, ווי ער האט גע'פסק'ענט.

און באלד, ווי עס איז אויף דעם הימעל דער פסק דין ארויסגעטראגען געווארען, האט דער בעל שם געזאגט, אז ער זעהט שוין מעהר ניט דעם אשת־איש צייכען אויף ר' גרשון'ס שטערן.

# דער בעל שם אַ יודע עתידות

דער בעל שם ווערט אויך אין דער ליטא נתפרסם. — ר' שמואל, איינער פון די גרעסטע נגידים פון לוצק לאַדעט איהם איין צו זיך אין הויז. — דער בעל שם אַנטלויפט אין מיטען נאַכט פון לוצק. — דער בעל שם גיט צו א אידען אַ גביר אַ בריעף צו די ראשי הקהלה פון בראָד, וואָס זיינען מיט צוויי און צוואַנציג יאָהר שפּעטער אַלס פּרנסים אויסדערוועהלט געוואָרען. — דער בעל שם לייענט אַראָפּ דעם צייכען פון טויט פון שטערען פון מענשען.

און ניט נאָר אין אוקראַינאַ און פּאָדאָליען, וואו דער קולטורעלער מצב פון די ברייטע אידישע פאָלקס־שיכטען איז אויף אַ נידעריגער מדרגה געשטאַנען, וואו די ברייטע מאַסען פון דער אידישער בעפעלקערונג האָט זיך ניט גע־פונען אונטער דעם דירעקטען איינפלוס פון די רבנים און לומדים, דערפאַר וואָס אין גרעסטען פּראָצענט זייערען האָבען זיי ניט געוואוינט אין די שטעדט, וואו עס האָבען זיך די מרכזי התורה געפונען, נאָר אין די דערפער, און זיי זיינען דעריבער אין זייער קולטורעלען צושטאַנד, אין אַלע זייערע אַנשויאונגען און בעגריפען, שטאַרק ענליך געווען אויף דעם אַרומיגען קריסטליכען פויערטום —

ניט נאָר אין אוקראַינאַ און פּאָדאָליען האָט דער בעל שם טוב זיין פּרוכטבאַרע טעטיגקייט אָנגעפיהרט. ניט נאָר דאָרטען אַליין איז דער נאָמען זיינער גרויס געווען. זיין פרסום איז אויך דערגאַנגען ביז צו ליטאַ, וואו די

אידישע בעפעלקערונג איז אין גייסטיגען און קולטורעלען זין פיעל העכער פאר דער אידישער בעפעלקערונג געשטאַנען, וואו די פארשטעהער פון אידענטהום האבען געקענט זייער גאנצען איינפלוס אויסאיבען אויף די ברייטע אידישע מאסען, ווייל זיי זיינען מיט זיי אין שטענדיגען פארקעהר געשטאנען, צוליעב דעם וואס די אידישע בעפעלקערונג אין ליטא איז אין גרעסטען פראצענט איהרען א שטאדטישע געווען.

אויך אין פיעלע שטעדט פון דער ליטא איז ער בע־ריהמט געווען אלס א געטליכער מאן, וואס קען די גרעסטע וואונדער ווייזען און לעזען, ווי פון אן אפען בוך, וואס וועט אין דער ווייטער צוקונפט פארקומען. אויך דארטען האט ער זיין טעטיגקייט אנגעפיהרט.

און די פאלגענדע לעגענדע איז אונז וועגען זיין טע־טיגקייט אין דער ליטא געבליבען:

ער איז איינגעלאדען געווארען קיין לוצק, — דער־צעהלט אונז די לעגענדע — אין הויז פון איינעם פון די גרעסטע נגידים אין שטאדט, ר' שמואל, וועלכער איז צו־זאמען מיט זיינע ברידער געווען די הויפט־ארענדאטארען פון די אלע גיטער, וואס האבען בעלאנגט צום פירשט ראד־זיוויל.

ר' שמואל אליין האט אפילו אין בעל שם ניט גע־גלויבט. ער האט אבער געמוזט נאכגעבען זיין פרוי, וועם איז צו איהם צוגעשטאנען, ער זאל איין מאל פאר אלע מאל דעם בעל שם איינלאדען, ווארום „זיי האבען אויסגעבויט א נייעם מויער און זיי האבען מורא געהאט זיך איבערצוצי־הען אין איהם“.

דער בעל שם האט דארטען ארום דריי וואכען פער־בראכט, און איידער ער איז פון דארטען אבגעפאהרען, האט

זיך די פרוי מיט דער פאלגענדער פראגע צום בעל שם גע־ווענדעט:

— ביז וואנען וועט מיין גוטער מזל אנהאלטען?

האט תחלת דער בעל שם דאן אויף איהר גוט אנגע־שריען, ווארום „אזוינע זאכען פרעגט מען ניט".

ווען זי איז אבער צו איהם שטארק צוגעשטאנען, האט ער אויף איין רגע זיינע אויגען צוגעמאכט און האט זיך אנגערופען צו איהר: —

צוויי און צוואנציג יאהר וועט דיין גוטער מזל אנ־האלטען.

און ווען דער מאן איהרער, ר׳ שמואל, האט דיעזע ווערטער דערהערט, איז ער מלא חימה געווארען און האט חוזק געמאכט פון „טרעפער".

אגב איז דארטען אין לוצק אויך פאלגענדעס פאר־געקומען:

ביי איינעם פון די נגידים איז א קינד זיינס שטארק קראנק געווארען. איז ער געגאנגען צום בעל שם, און דער בעל שם האט איהם זיין הבטחה געגעבען, אז דאס קינד וועט געזונד ווערען.

דאס מאל האט אבער דער הימעל דעם בעל שם׳ס ווילען ניט געוואלט ממלא זיין —

און דאס קינד איז געשטארבען.

האט דער בעל שם פערשטאנען, אז „זיי וועלען איהם וועלען חרפת פנים אנטהאן".

איז ער האלבע נאכט אוועקגעפאהרען פון דארטען מיט „קפיצת הדרך".

פון מיטען וועג האט ער אנגעשריבען א בריעף צו ר׳ שמואל׳ן, אין וועלכען ער האט איהם פאלגענדעס געשרי־בען:

„דו זאלסט וויסען זיין, אז איך האב געקענט מאכען, דו זאלסט מיר גארניט קענען טהאן. איך האב אבער מורא געהאט, עס זאל מיר ניט שארען ערגעץ אנדערש. דעריבער בין איך פון דיר ביינאכט אבגעפאהרען. אלעס וועט אבער מקוים ווערען פונקט, ווי איך האב דיר געזאגט. עס וועט גאר ניט געמינערט ווערען. אין צוויי און צוואנציג יאהר ארום וועסט דו דיין מפלה פון דיינעם א קנעכט קריגען“.

נאום ישראל בעל שם טוב, עבד ה׳.

און נאכדעם, ווען די צוויי און צוואנציג יאהר זיינען צו ענדע געווען — פערענדיגט די לעגענדע — איז ווירק־ליך זיין מפלה געקומען.

דער פירשט ראדזיוויל האט אז אומ׳חן געווארפען אויף די ברידער ארענדאטארען. ער האט פון זיי די ארענדע איבער זיינע גיטער צוגענומען און נאך אין תפיסה איינ־געשפארט.

איינמאל איז א גרויסער נגיד — דערצעהלט אן אנדער לעגענדע וועגען די גרויסע וואונדער, וואס דער בעל שם האט געוויזען, צו קענען לעזען, וואס עס איז פאר איינעם אין דער צוקונפט אנגעשריבען — צום בעל שם געקומען. האט איהם דער בעל שם געפרעגט, צו ער האט עפעס א בקשה פון איהם צו בעטען.

אט איהם דער נגיד געענטפערט:

ניין, רבי, איך האב אויף גארניט וואס צו בעטען. עס פעהלט מיר, א דאנק גאט, גארניט.

און דאך—האט זיך צו איהם דער בעל שם אנגערופען — וועל איך דיר געבען א בריעף צו די בראדער ראשי־הקהל. דעם בריעף זאלסט דו זיי איבערגעבען אין פיעלע, פיעלע יאהרען ארום.

דער נגיד איז זיך אהיים געפאָהרען און האָט דעם בריעף מיט זיך געהאַלטען.

דערווייל זיינען פיעלע יאהרען פערלאָפען. דער נגיד האט זיין געלד פערלאָרען און איז אן עני מדוכא געוואָרען און איז איבער די שטעדט ארומגעפאָהרען, נדבות צו קלייבען.

האָט ער זיך דערמאָנט אין׳ם בריעף פון בעל שם, וואָס געפינט זיך ביי איהם און איז אראָבגעפאָהרען קיין בראָד.

און פונקט אין זעלבען טאָג, וואָס ער איז קיין בראָד אנגעקומען, האָט מען דאָרט די „קלפי״ געוואָרפען, וואָרום מען האָט דאמאָלס נייע ראשי קהלה געקליבען.

און, צו דער ערשטוינונג פון דער גאַנצער בראָדער בע־פעלקערונג, האָבען די אַלע פרנסי חודש, וואָס זיינען דאָ־מאָלס אויסדערוועהלט געוואָרען, געטראָגען אויף זיך די נעמען, וואָס האָבען זיך אין בריעף פון בעל שם געפונען.

דער בריעף איז פון פאָלגענדען אינהאַלט געווען: „דער מוכ״ז איז א גרויסער עושר געווען און יעצט איז ער א יורד מנכסיו געוואָרען. עס איז אייער פליכט איהם ארויסצו־העלפען אויף א בכבוד׳יגען אופן״.

און אונטער דעם בריעף האָט זיך דעם בעל שם׳ס חתימה געפונען.

ווען די פרנסים האָבען דעם בריעף איבערגעלייענט זיינען זיי גוואַלדיג נשתומם געוואָרען. וואָרום דער בריעף איז דאָך מיט אזוי פיעל יאָהרען פריהער געשריבען געוואָ־רען און אין משך פון דער גאַנצער צייט האָבען זיך אין זייער שטאָדט קיינע פרנסים געפונען אויסער זיי, וואָס זאָלען זיך רופען מיט די נעמען, וואָס ווערען אין בריעף פון בעל שם אנגעגעבען.

און אפטמאָל פלעגט ער מיט די ליכטיגע אויגען זיינע

ניט נאָר פאַר דעם „עולם הזה" פון דעם גויטבעדערפטיגען זאָרגען, נאָר אויך פאַר דעם „עולם הבא" זיינעם. דורך דעם, וואָס די ליכטיגע און אָפענע אויגען זיינע האָבען געקענט די צוקונפט זעהן, האָט ער אָפּטמאָל ניט דערלאָזט, אַז אַ איד זאָל אָהן תשובה שטאַרבען.

איינמל, — דערצעהלט אונז די לעגענדע — האָט ער אַ אידען אַ חסיד אַנגעטראָפען, וואָס ער איז ערשט פון מקוה אַרויסגעגאַנגען.

האָט זיך דער בעל שם צו איהם אַנגערופען: „שנעל גרייט זיך צו..." וואָרום דער שטייגער פון דיעזען חסיד פלעגט זיין, אַרומצוגעהן אין אַלע שוהלען, אומעטום אַ קדושה וברכו צו כאַפּען.

און אין זעלבען טאָג נאָך איז דער חסיד נפטר געוואָרען.

און איינמאָל, — דערצעהלט אַ צווייטע לעגענדע — איז צו איהם געקומען אַ מוכסן, וועמען עס האָט אַנגעהויבען צו געהן מיט דער פּוטער אַראָב. ער איז געקומען צום בעל שם, אַז ער זאָל פאַר איהם מתפּלל זיין.

האָט איהם דער בעל שם אַנגעהויבען צו מזרז זיין, ער זאָל תשובה טהאָן און זיין התנהגות פאַרבעסערען.

און ווען דער מוכסן האָט זיין הויז פאַרלאָזט, האָט זיך דער בעל שם אַנגערופען צו די ביישטעהענדע:

וואָס פאַר אַ שוטה דאָס איז. היינט, מאָרגען שטאַרבט ער און ער זאָרגט זיך וועגען פּרנסה.

און ווירקליך, ניט פיעל צייט איז אַוועקגעגאַנגען — און דער מוכסן איז געשטאָרבען.

ח.

# נאך איינינע יאהרען פון ארומוואנדערען בעזעצט ער זיך אין מעזשיביזש

דער בעל שם האט נאך ניט קיין שטענדיגע רעזידענץ. — ער בייט אלע מאל זיין וואהנונגס פלאץ. — זיין פאפולאריטעט וואקסט פון טאג צו טאג און פון אומעטום ווענדעט מען זיך צו איהם נאך רפואות און סגולות. — ער האט שוין מעהר מיט איין ארויסהעלפער ניט געקענט אויסקומען און האט גענומען צונעהמען נאך איינעם, ער זאל איהם העלפען די קמיעות שרייבען. — נאך א פעריאד יאהרען פון ארומוואנדערען, בעזעצט ער זיך אין מעזשיבוזש, אוואו מיט א דור פריהער איז דער ב״ח רב געווען. — די לעגענדען וועגען ב״ח.

פיעלע יאהרען זיינען אוועקגעגאנגען און דער בעל שם האט נאך אלץ קיין בעשטימטען צענטער ניט געהאט, פון וואנען ער זאל זיין טהעטיגקייט אנפיהרען. ער האט ניט געוואוינט אין קיין בעשטימטער שטאדט שטענדיג. ער האט א נע־ונד־טעטיגקייט אלס בעל שם אנגעפיהרט. פאר א לאנגען פעריאד יאהרען געפינען מיר איהם ארומוואנדערען שטענדיג צווישען די פאלגענדע שטעדט: אסטראה, זאסלאוו, נעמעראוו, באר, פאלאנאה, ביעלאצערקאוו, טאלטשין, קאמינקא, חמעלניק, שאראגראד און פיעלע אנדערע גרעסערע און קלענערע שטעדט און שטעדטלעך.

ער פלעגט פון שטאדט צו שטאדט ארומפאהרען אין דער בעגלייטונג פון זיין ארויסהעלפער, דער שוחט, ר׳ אלכסנדר זיסקינד.

און וואס א יאהר ווייטער אלץ גרעסער איז געווארען זיין טעטיגקייט, אלץ מעהר ארבייט האט ער אלס בעל שם געהאט.

און אין אכט יאהר ארום האט זיך זיין טהעטיגקייט אזוי פערצווייגט, אז איין ארויסהעלפער איז איהם שוין ווע־ניג געוועז. האט ער צוגענומען דאן נאך איין שרייבער, ר' צבי סופר סת"ם *), ווארום פון אלע שטעדט און שטעדטלעך האבען זיך די ברייטע אידישע פאלקס־שיכטען געווענדעט צום בעל שם, ער זאל זיי סגולות, רפואות, קמיעות און לחשים געבען.

פונקט אבער ווי יעדער טריט און שריט אין לעבען פון בעל שם האט זיך זיין זין און צוועק געהאט, אזוי האט אויך דאס, וואס ער האט אין דעם ערשטען פעריאד יאהרען פון זיין טעטיגקייט אלס בעל שם ניט שטענדיג אויף איין פלאץ געוואוינט, נאר אלע מאל זיינע וואוינונגס־פלעצער געביטען, זיין פרוכטבארע ווירקונג אויף דער אידישער בעפעלקערונג פון אוקריינא און פאדאליען געהאט.

ער האט אזוי ארום געהאט די מעגליכקייט זיינע אי־דעען און געדאנקען צווישען די ברייטעסטע פאלקס־שיכטען צו פראפאגאנדירען. דורך זיינע דרכים און התנהגות האט ער שטופענווייז פערפיינערט דעם בעגריף, וואס זיי האבען וועגען א בעל שם געהאט. ער האט מיט זיין טהעטיגקייט מיטגעבראכט דערצו, אז זיי זאלען האבען א העכערע און שעהנערע פארשטעלונג וועגען דעם, וואס א בעל שם איז און וואס ער בעדארף זיין.

אלץ מעהר און מעהר האט זיך דער איינפלוס פון זיין

*) ספרים, תפילין, מזוזות.

גרויסער פערזענליכקייט און פון זיינע טהאטען און געדאנ־קען איבער די אידישע מאסען פערגרעסערט און האבען אויף זיי אן ערציהענדע ווירקונג געהאט. ביסלעכווייז האט דער בעל שם מיט זיין לעבען און ווירקען בעשאפען און די אידישע מאסען א פערלאנג און שטרעבונג צו א בעל שם, וואס זאל זיך ניט נאר מיט קמיעות און אבשפרעכונגען אליין בעשעפ־טיגען. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז איז זייער פעהיגקייט גע־וואקסען, זיי זאלען קענען דאס אמת׳ע געשטאלט פון בעל שם זעהן, זיי זאלען טאקי אין איהם אליין אט יענעם פער־לאנגטען בעל שם פאר זיך געפינען.

עס זיינען פערשוואונדען שטופענווייז די אלע אלטע בעגריפען און בעציהונגען, וואס האבען דאמאלס עקזיסטירט צו די פערשידענע בעל שם׳ען ביי די אידישע בעפעלקערונג פון יענע געגענדען, דורך דעם נייעם בעל־שם־טוב, וועלכען ר׳ ישראל בעל שם טוב האט מיט זיך פארגעשטעלט.

וואס ווייטער און ווייטער האבען די אידישע פאלקס־שיכטען אלץ מעהר און מעהר א שארפע ליניע צווישען איהם און אלע אנדערע בעל־שם׳ען געצויגען.

וואס ווייטער און ווייטער האבען זיי איהם אלץ מעהר און מעהר אלס גרויסען לעהרער אנגעהויבען צו בעטראכטען, האבען זיי אלץ מעהר און מעהר ווי אויף זייער וועג־ווייזער אנגעהויבען צו קוקען אויף איהם, וועלכער איז געקומען פיה־רען דעם דור זיינעם נאר אויף א נייעם וועג, וואס איז פון אלטען דער געגענזאץ.

זיין גרויסע פערזענליכקייט איז אלץ מעהר און מעהר פאר יעדען איינעם זעהבאר געווארען. די אינהאלטסרייכע אינדיווידואליטעט זיינע האט אלץ מעהר און מעהר א שטאר־קען איינפלוס אויף דעם דור זיינעם אנגעהויבען אויסצו־איבען —

און ביידע, אי דער לאנגער פון זיינע פריינד און פער־געטערער, אי דער לאגער פון זיינע שונאים, האבן זיך דא־מאלס אנגעהויבן צו פערמעהרען און פערגרעסערען.

---

נאך א לאנגען פעריאד פון נע־ונד לעבען, נאך דעם, וואס ער האט פון דער פולער האנד אין די אלע שטעדט און שטעדטלעך פון פאדאליען און אוקריינא די פרוכטבארע קע־רענדלעך פון זיין געבענשטער טעטיגקייט פערזעעט, נאכדעם, וואס ער האט שוין אויך געהאט א קליינעם פערמעגען ער־ווארבען און האט שוין אנגעהויבען א פעסטערען מאטעריע־לען באדען אונטער זיינע פיס צו פיהלען, האט דער בעל שם בעשלאסען א שטענדיגען צענטר פאר זיין טעטיגקייט צו שאפען.

און פאר דיעזען צוועק האט ער די שטאדט מעזשיבוזש אויסגעקליבען. ער האט בעשלאסען דארטען אויף שטענדיג זיך בעזעצען און פון דיעזען צענטר זיין געבענשטע טעטיג־קייט אנצופיהרען.

זיין אויסוואהל איז אויף מעזשיבוזש געפאלען, ווייל זי צייכענט זיך אויס מיט איהר בעזונדער שעהנקייט. זי איז איינע פון די שעהנסטע שטעדט, וואס געפינען זיך אין פארא־ליען און בעסאראביען. זי צייכענט זיך אויך אויס מיט איהר אלטערטימליכקייט. זי איז איינע פון די זעהר ווענינע היס־טארישע שטעדט, וואס געפינען זיך אין יענעם געגענד. שוין פון צוועלפטען יאהרהונדערט אן ציהט זיך די עקזיסטענץ איהרע.

ניט קלענער איז איהר ווערטה געווען אלס היסטארישע שטאדט אויך אין אידישען זין. זי האט א בעדייטענדע ראלע אין גזירת ת"ח געשפיעלט. עס האט זיך דארטען אין דער צייט פון בעל שם אויך א אידישע שוהל געפונען, וועלכע איז

שוין דאמאלס מעהר ווי דריי הונדערט יאהר אלט געווען. בעזאנדערס איז זי בעריהמט געווען אין דער תקופה פון בעל שם דורך דעם, וואס פריהער מיט א דור איז דארטען דער גרויסער גאון, דער ב"ח *), ר' יואל סירקיש, דער רב פון שטאדט געווען.

---

דער ב"ח איז אויסער דעם, וואס ער איז א גרויסער גאון געווען, אויך געווען א הייליגע און שעהנע פערזענליכ־קייט, און עס זיינען אין פאלק פיעלע לעגענדען און וואונ־דערליכע מעשיות פערבליבען וועגען איהם.

איינע פון דיזע לעגענדען דערצעהלט אונז פאלגענדעס :

ווען דער ב"ח איז קיין מעזשיבוזש אלס רב אנגעקו־מען, האבען איהם די „פני" פון שטאדט מיט א דרשה מכבד געווען.

ער האט זיך אבער אבגעזאגט זייער פערלאנג צו ער־פילען, ביז וואנען מען וועט איהם ניט צוזאגען פון הימעל, אויסצוקיהלען דעם גיהנום אויף א משך פון דרייסיג טעג —

זאלען די רשעים, וואס ווערען דארט גע'משפט, פאר א גאנצען חודש פון זייערע ליידען לויז ווערען אין אנדענקען פון זיין אנקומען קיין מעזשיבוזש אלס רב.

און, נאטירליך, האט מען אין הימעל זיין פערלאנג נאכגעגעבען —

און די רשעים האבען א גאנצען חודש א פרעהליכען יום טוב געהאט.

און עס איז נאך קיינמאל ביים אנקומען פון א גרויסען צדיק אזא רעש אויפ'ן הימעל ניט געווען, ווי דאמאלס, ווען

---

*) די ראשי תיבות פון בית חדש — זיין גרויסען פירוש אויפ'ן „טור".

דער ב"ח איז נסתלק געווארען און די נשמה זיינע איז אויפ'ן הימעל ארויף.

עס זיינען דאמאלס די אלע עולמות העליונים אויף „רעדער" געגאנגען.

די אלע הייליגע נשמות האבען זיך געריסען דאמאלס ווער גיכער די נשמה פון גרויסען צדיק מקבל פנים צו זיין.

און די זינדיגע נשמות האבען זיך אין קאנוואולסיווע שמערצען געווארפען, וואס זיי קענען זייער ליידענשאפטליכען בעגעהר ניט בעפרידיגען, אויך זיי זאלען זיך אין קבלת פנים בעטהייליגען, אין קבלת פנים פון זייער גרויסען צדיק, וועלכער האט אזוי פיעל געטהאן פאר זיי, וועלכער האט גאנצע דרייסיג טעג דעם גיהנום פאר זיי קאלט געהאלטען.

דער בעל שם האט שטארק פערגעטערט דעם ב"ח און צו די אלע מאטיווען, וואס מיר האבען פריהער דערמאנט, צו אט יענע אלע מאטיווען, וועלכע האבען איהם בעוועגט, ער זאל מעזשיבוש אלס זיין רעזידענץ אויסקלייבען, בעדארף נאך אויך צוגעגעבען ווערען דער מאטיוו, וואס האט נאך אין זיין צייט דער גייסט פון ב"ח אין יענער שטאדט גע־לעבט. עס האט איהם — דעם בעל שם — געשמייכעלט דער געדאנק, זיין פיהרערשאפט איבער דעם אידישען פאלק אנצופיהרען פון דער שטאדט, פון וועלכען דער ב"ח האט זיין גרויסען איינפלוס איבער דעם אידישען פאלק אויסגע־איבט.

# א.

## דעם בעל שם'ס פאמיליע.

די פאמיליע פון בעל שם. — זיין פרוי מאכט איהם א „סורפריז". — זי האט אזוי לאנג געשפארט, ביז עס האט זיך איהר איינגענגעבען אן אייגען הויז צו ערווערבען. — נאכדעם, וואס דער בעל שם האט זיך אין מעזשיבוזש בעזעצט, האט ער שוין מעהר ניט געוואלט ארומפאהרען. — ווען זיין פרוי פלעגט איהם אבער א פעטען חשבון פון חובות דערלאנגען, פלעגט ער זיך מוזען אין וועג לאזען. — ער האט ביי זיך קיינמאל קיין געלד ניט געלאזט נעכטיגען. — ער איז א גרויסער בעל־צדקה געווען.

דער בעל שם האט זיך אלזא אין די לעצטע יאהרען פון פינפטען יאהרהונדערט *), לויט אונזער רעכנונג, בעזעצט מיט זיין פאמיליע אין מעזשיבוזש.

זיין פאמיליע איז דאמאל בעשטאנען פון פאלגענדע פערזאנען: זיין פרוי חנה, וועלכע האט אזוי פיעל געליטען צוזאמען מיט איהם פאר דער גאנצער צייט, וואס ער האט זיך צו זיין גרויסער מיסיאן אין לעבען צוגעגרייט און פאר דער גאנצער צייט, וואס ער האט זיין נע־ונד־לעבען אנגע־פיהרט, און וועלכע האט איהם אזוי פיעל אין זייער טרויע־ריג און ביטער לעבען ארויסגעהאלפען: זיין בן־יחיד צבי, וועגען וועלכען דער בעל שם טוב האט געזאגט: „פיערצעהן יאהר בין איך א פרוש געווען, און הערשעלע מיין זוהן, איז

*) אנדערע גיבען אז דאס יאהר תצ"ח אלס דאס יאהר ווען דער בעל־שם האט זיך אין מעזשיבוזש בעזעצט.

על פי הדבור געבוירען געווארען *). זיין טאכטער אדעל, וועגען וועלכער דער בעל שם האט געזאגט, אז ער האט איהר נשמה פון דער תורה גענומען, פון דעם פסוק „איש דת למו", די ראשי תיבות פון וועלכע בילדען דאס ווארט אדל: און איהרע צוויי קינדער: ר' אפרים דער בעל „דגל מחנה אפרים", וועלכער האט זיך אונטער דער השגחה פון זיין זיידען ערצויגען, און דער אינגערער, ר' ברוך, דער בעריהמטער צדיק ר' ברוך'ל מעזשיביזשער.

די ערשטע צייט פלעגט דער בעל שם אין דער פרעמד וואוינען. די פרוי זיינע האט אבער בעוויזען אלין מעהר און מעהר פון דער הוצאה אפשפארען, ביז זי האט גענוג געלד צונויפגעקליבען און האט פאר דער פאמיליע אן אייגען הויז אויסגעבויט.

דער בעל שם האט אבער די גאנצע צייט וואס די פרוי זיינע האט דאס געלד אויף בויען דאס הויז געקליבען גאר־ניט געוואוסט דערפון. אויך די גאנצע צייט, וואס דאס הויז האט געהאלטען אין געבויט ווערען, האט ער נאך אלין דער־פון גארניט געוואוסט. זיין פרוי האט איהם אן איבערראַ־שונג געוואלט מאכען.

איינמאל איז ער פארביינגעגאנגען די גאס, אין וועלכער עס האט זיך געפונען דאס הויז, וועלכעס האט שוין דא־מאלס געהאלטען ביים פערענדיגט ווערען. און דורך א צופאל איז ער געוואהר געווארען, אז דאס איז זיין הויז. האט ער דאן דעם פאלגענדען שעהנעם הלצה־קאמפלימענט זיין פרוי

*) עס ווילט זיך גלויבען, אז דיעזע ווערטער זיינען קיינמאל פון מויל פון בעל שם ניט ארויסגעגאנגען. זייענדיג איבערפילט פון גוואלדי־גען עקסטאז פאר דעם בעל שם האבען זיינע תלמידים וואס מעהר הייליגער און גרעסער זיין בילד געוואלט ארויסברענגען. האבן מאנכע פון זיי אויך קריסטליכע פעדערען גענומען און זייער גרויסען לעהרער בעציערט מיט זיי.

געמאַכט, באַזירט אויף דעם פּסוק פון תנ"ך: „בית והון ונחלת אבות ומה' אשה משכלת".

בית והון — האָט דאַמאַלס דער בעל שם דיזען פּסוק קאָמענטירט — ווי קען עס זיין, אז אַ מענש, וואָס דינט גאָט, זאָל גאָר אַ שטוב און אַ פערמעגען פערמאָגען. ניט אַנדערש, אז דאָס איז צו איהם דורך „נחלת אבות", דורך אַ ירושה געקומען. ומה' — אויב גאָט וויל אבער, אז אפילו יענער, וואָס האָט ניט קיין נחלת אבות זאָל אויך אַ הויז צום וואוינען פערמאָגען, איז דאַמאַלס — אשה משכלת, שיקט איהם גאָט צו אן „אשת חיל", וועלכע בויעט אויס פאַר איהם אַ הויז מיט איהר חכמה.

---

ווען דער בעל שם האָט זיך איין מעזשיבוזש בעזעצט, האָט ער שוין מעהר ניט געוואָלט אַרומפאָהען איבער די שטעדט און שטעדטליך.

ער האָט עטליכע יאָהר צו די פאָדערונגען פון דער צייט אויך זיין מס געמוזט צאָהלען. ער האָט געמוזט אַ שטיק צייט האַנדלען און פיהרען זיך, ווי די אַלע בעלי שם'ען פון זיין צייט האָבען זיך געפיהרט. ער האָט עס געמוזט טהאָן ביז עס האָט זיך איהם איינגעגעבען, איבער ערציהען אביסעל די פּרימיטיווע און וואולגאַרע בעגריפען און פאַר־שטעלונגען, וואָס האָבען עקזיסטירט דאַמאָלס ביי די אידי־שע מאַסען וועגען דעם, וואָס אַ בעל שם שטעלט און בע־דאַרף מיט זיך פאָרשטעלען, ביז עס האָט זיך איהם איינ־געגעבען, זיי זאָלען אַנהויבען אַ זין און פערשטענדניס פער־מאָגען פאַר אַזאַ טיפּ בעל שם, וואָס ער האָט מיט זיך פאַר־געשטעלט, זיי זאָלען זיין גרויסע און שעהנע פּערזענליכקייט אַנהויבען צו בעגרייפען און גרויסע ליעבע און רעספּעקט אַנהויבען פיהלען צו איהם.

נאכדעם אבער, ווען עס האט זיך איהם די ארבייט־זיינע איינגעגעבען, נאכדעם, ווי דאס פאלק האט אנגעהויבען זיך פיהלען צוזאמענגעבונדען מיט איהם, און האט שוין מעהר ניט געקוקט אויף איהם, ווי אויף א קמיע שרייבער און סגולות־געבער, נאר ווי אויף זיין לעהרער און וועגווייזער, האט ער בעשלאסען די אלע אויסערליכע פארמען פון די געוועהנליכע בעל שם'ען פון זיך אראפצו־ווארפען און זיין פאר די אידישע מאסען דאס, וואס ער האט געוואלט פאר זיי זיין און דאס, וואס ער האט פאר זיי בעדארפט זיין.

נאכדעם, וואס ער האט דער בעל שם מדרגה איהר גרעסטען תיקון געבראכט, האט ער זי שוין אויף שטענדיג אויף איהר גרויסען הויך געוואלט האלטען. נאכדעם, וואס ער האט שוין די אידישע מאסען אויף א געוויסען הויך צו זיך דערהויבען, האט ער זיך שוין מעהר צו זיי ניט געוואלט אראבלאזען און צופאסען. ער האט געוואלט, אז זיי זאלען אלץ העכער און העכער צו איהם שטייגען.

ער האט געוואלט אויסמיידען אלעס, וואס וואלט קענען כאטש אויף וויפיעל עס איז אביסעל ביליג מאכען אין די אויגען פון די אידישע מאסען זיין גרויסע און הייליגע לעבענס־מיסיאן, וואס וואלט — זאל זיין אויף וויפיעל עס איז — געבען זיי די מעגליכקייט, זיי זאלען איהם אין איין רייהע מיט די איבעריגע בעלי־שם'ען שטעלען.

און דעריבער האט ער בעשלאסען אויפצוגעבען דאס שטענדיגע ארומפאהרען איבער שטעדט און שטעדטלעך.

זאל דאס פאלק אין זיין בענקען און גארען נאך איהם נאך מעהר געלייטערט און געהייליגט ווערען.

זאל די שטאדט, וואו ער האט זיך בעזעצט, אלס צענטר דיענען פאר די אלע אנהענגער און פערעהרער זיינע, אלס

צענטר, דורך וועלכען זיי זאָלען אַלע פעראייניגט ווערען, אַלס צענטר, צו וועלכען עס זאָלען זיך ציהען אַלע די, וואָס ווילען גאָט'ס וואָרט פון זיינע ליפּען הערען, און פון וועלכען עס זאָל זיך די גרויסע השפעה זיינע פערשפּרייטען.

ער פלעגט דאַמאָלס זעהר זעלטען ארויספאָהרען. אַמ־מעהרסטען פלעגט ער זיך לאָזען אין וועג, ווען די פרוי זיינע „פלעגט איהם ברענגען א חשבון וועגען די חובות, וואָס קומט פאר מעהל, פלייש און די איבעריגע הויז־זאַכען".

אויך דאַמאָלס אָבער פלעגט ער ניט אַלע מאָל איהר ווילען נאָכגעבען.

איינמאָל — דערצעהלט די לעגענדע — האָט איהם זיין ווייב אַט אַזאַ „פעטען" חשבון געבראַכט. זי האָט גערעכענט, אַז ער וועט זיך זיכער באַלד אין וועג לאָזען. עס זיינען אָבער שוין עטליכע טעג פערביינעגלאָפען און ער איז נאָך אַלץ ניט געפאָהרען.

איז זי צו איהם נאָך אַמאָל געקומען און האָט איהם א נייעם חשבון דערלאַנגט.

האָט ער זיך צו איהר אָנגערופען:

— וואָס איז דאָס מיט דיר, וואָס דו צווינגסט מיך צו פאָהרען? זעהסט דו דעם אויווען, וואָס שטעהט דאָ פאַר אונז, זאָל איך נאָר וועלען, וועט ער באַלד אין גאָלד פערוואַנדעלט ווערען. און אפשר דענקסט דו, אַז דורך דעם כח פון שמות, חס ושלום. נאָר דוקא דורך תפלה אַליין. איך שעם מיך אָבער פאַר מיין בעשעפער צו בעטען איהם אַזאַ זאַך.

אַז א ווייב אָבער הייסט פאָהרען און עס איז נאָך דער־צו אויך אויף דער הוצאה ניט פאַרהאַן, העלפען קיין חכמות ניט און מען מוז פאָהרען.

פלעגט ער יעדען מאָל, ווען די חובות זיינע האָבען זיך

שוין שטארק געהאט צעוואקסען, אין די שטעדט זיך אוועק־געלאזען.

ער פלעגט אבער דאן קיין „פדיון" און קיינע „קוויט־לעך" פון קיינעם ניט נעהמען. פון דער קהל׳ישער קאסע פלעגט מען איהם שטענדיג א געוויסע סומע נעבען, און ער פלעגט אין שטאדט עטליכע טעג מיט די אידישע מאסען פערברענגען און זיך לאזען ווייטער אין וועג.

קומענדיג אהיים פלעגט ער אלע חובות זיינע אבצאהלען און דאס איבריגע געלד, וואס איז איהם געבליבען, האט ער נאך אין זעלבען טאג אלס צדקה צעטיילט.

עס פלעגט ביי איהם קיינמאל קיין געלד ניט נעכטיגען. און שטענדיג, ווען עס פלעגט זיך ביי איהם אביסעל מהומן געלד געפינען, פלעגט ער זיינע מקורבים בעטען, זיי זאלען פאר איהם עפעס א מצוה אויסזוכען, אויף וועלכער ער זאל קענען דאס געלד אויסברענגען".

איינמאל האט זיך געמאכט, אז די פרוי זיינע, וועלכע האט געוואוסט, אז דער בעל שם האט געלד ביי זיך, האט בסתר א טהייל פון געלד אראבגענומען, „כדי זי זאל נאכדעם אויף בארג ניט בעדארפען נעהמען".

ביינאכט האט אבער דער בעל שם צוליעב דעם א עיכוב אין זיין עבודה געהאט, און זי האט איהם געמוזט דאס געלד צוריקקעהרען. און אין דערזעלבער נאכט נאך האט ער געהייסען די ארימע לייט צונויפנעהמען און האט זיי דאס געלד צוטהיילט.

איינמאל — דערצעהלט די לעגענדע — איז ער גע־גאנגען מיט זיין זוהן, וועלכער איז נאך דאמאלס זעהר יונג געווען, מקבל פנים זיין דעם רב, און ער האט דארטען פיעלע זילבערנע כלים געזעהן.

געהענדיג צוריק האט ער זיך אנגערופען צום זיין זוהן:

„דו ביזט אודאי מקנא, אמאי דער טאטע דיינער האט ניט קיין זילבערנע כלים?“

דערויף האט איהם זיין זוהן געענטפערט:

„אודאי בין איך מקנא. מיר לעבען אין ארימקייט“.

האט זיך דער בעל שם צו איהם אנגערופען דאמאלס:

„ווען דיין טאטע וואלט האבען געלד אויף זילבערנע כלים צו קויפען, וואלט ער בעסער ארימע לייט אויסגעהאל־טען, און דאס איבעריגע געלד וואלט ער אויף צדקה אוועק־געגעבען“.

איינמאל האט ביי איהם אן ארימאן, וואס האט ניט געהאט מיט וואס שבת צו מאכען, דעם „אופראזש“ פון זיינע פערד אוועקגע׳גנב׳עט און האט איהם פערזעצט ערגעץ. האט דער בעל שם געהייסען דעם גבאי זיינעם, ער זאל נעהמען „ח"י זהובים“ און געהן אויסלייזען דעם אופראזש, וואס דער גנב האט פערזעצט, כדי ער זאל האבען מיט וואס שבת צו מאכען, און ער האט איהם אויך אנגעזאגט הערביי, אז ער זאל קיינעם גאר ניט וועגען דער געשיכטע דערצעהלען.

אט אזוי ברייט און אפען איז די האנד זיינע געווען פאר יעדען איינעם וואס האט זיך אין הילף גענויטיגט. אט אזוי גרויס און אונענדליך איז זיין מיטלייד געווען צו יעדען ליידענדען און נויטבעדערפטיגען.

ז.

# דעם בעל שם׳ס תפלה.

די התנהגות פון בעל־שם.— צוזאמען מיט זיינע תלמידים האט ער אין ב"ח׳ס שול געדאווענט.— קיינער האט קיינמאל מיט אזא עקסטאז און דביקות, ווי דער בעל־שם, געדאווענט. — אין די צעהנדלינגער טויזענטער פלעגען צו איהם בשעת „שמונה עשרה" מתים קומען, ער זאל א „תיקון" זייערע נשמות געבען.— אין מיטען דאווענען פלעגט ער אמאל דעם בית המדרש פערלאזען און אין מארק זיך אוועקלאזען.— מיט דעם כח פון זיין תפלה האט ער צו די אלע הויכע מדרגות זיינע דערגרייכט.

מעזשיבוזש איז אזוי ארום דער צענטער יעצט געוואָרען פאר דעם בעל שם׳ס טעטיגקייט. פון דאנען האט ער די גרויסע שטראהלען ליכט זיינע אויף דער וועלט געלאָזען. דאָ איז ער אין זיין פולער גרויכער הויך פאר די מענשען פון זיין דור ארויסגעטראָטען. ערשט דאָ האָט ער פאָלשטענדיג אָט יענעם וועג אין זיין לעבען גענומען צו וועלכען ער האט זיך אזוי פיעל צייט צוגעגרייט.

דאָ האָט ער שוין פון זיך גאָר אין גאנצען דעם מאַנטעל פון א בעל שם, אין געוועהנליכען און אַנגענומענעם זינן, אראָבגעוואָרפען, און איז געוואָרען פאר דעם אידישען פאָלק דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט פאר איהם זיין, זיין גרויסער לעהרער און וועג־ווייזער.

ער האָט ארום זיך א גרויסע גרופּע פון הארציגע אידישע פערזענליכקייטען קאָנצענטרירט, וועלכע זיינען גרויס אין נגלה און נסתר געווען.

און צוזאמען מיט זיי האט ער דאן דעם שענאם בגין, וואס ווערט מיט דעם טערמין חסידות בעצייכענט, אט יע־נעם שענעם בנין, אין וועלכען עס איז אזוי פיעל נשמה און הארציגקייט איינגעזאפט, אנגעהויבען צו בויען.

און צוזאמען מיט זיי האט ער אויף א מעהר סיסטע־מאטישען און ברייטערען וועג, ווי פריהער, מיט דעם איבערערציהען פון אידישען פאלק זיך אנגעהויבען צו בע־שעפטיגען.

און צוזאמען מיט זיי האט ער אנגעהויבען טרייסט און פרייד אין אידישען לעבען צו פערשפרייטען און איבעראל זיין שפע־ברכה צו שיקען.

דא האט ער אנגעהויבען אויף א גרויסען מאסשטאב זיינע רעוואלוציאנערע אידעען צו פערריגען וועגען די וועגען, וואס קענען א מענשען צו גאט ברענגען; דא האט ער זיך אנגעהויבען מיט דער קולטיווירונג פון פאעטישען און הארציגען עלעמענט ביים אידען צו בעשעפטיגען, און נא־הענטער און אינטימער מיט גאט און נאטור איהם צוזא־מענברענגען.

---

וואהנענדיג אין מעזשיבוזש האט דער בעל שם אין שול פון ב"ח געדאווענט שטענדיג צוזאמען מיט די תלמידים זיינע.

און עס האט נאך קיינמאל קיינער — דערצעהלט די לעגענדע — ניט געדאווענט מיט אזא גוואלדיגען עקסטאז און גרויסער כונה ווי דער בעל שם האט געדאווענט.

בעזאנדערס האט ער אונגעהייערען עקסטאז און דביקות ארויסבעוויזען, דאמאלס ווען עס איז איהם אויס־געקומען ביחידות, ניט בציבור, צו דאווענען.

עס זיינען אונז פיעלע פערשיעדענע לעגענדען גע־

בליבען, אין וועלכע עס ווערט אונז געשילדערט דער בעל שם אין מאמענט פון זיין דאווענען.

איינמאל — דערצעהלט איין לעגענדע — האט ער געדאווענט אין א צימער, א וואו עס זיינען פיעלע פעסער מיט תבואה געשטאנען, און די גאנצע צייט פון זיין דאווענען האבען די פעסער געהאלטען אין איין אונטערטאנצען, אזוי פיעל פרייד, אזוי פיעל פייער און לעבען האט ער מיט זיין דאווענען אין צימער אראבגעבראכט.

אן אנדער מאל איז געשטאנען א פולע כלי מיט וואסער אין צימער, א וואו דער בעל שם האט געדאווענט. האבען אלע געזעהען דאמאלס, ווי די וואסער אין כלי האט געטאנצט און געשפרונגען און ווי עס האט ממש די שכינה דאמאלס אויף דעם בעל שם גערוהט. אין אמת׳ען האט דאמאלס די גאנצע ערד געציטערט אין גרויסען פחד פאר דער שכינה, וואס האט זיך אין צימער בעוויזען. עס איז אבער ניט זעהבאר געווען. נאר אין דעם וואסער האט מען עס געקענט זעהן.

איינמאל ווידער האט ער אויף דעם פעלד מקבל שבת געווען, און עס האבען זיך דאן שאף אויף דעם פעלד געפאשעט. האבען זיי די גאנצע צייט פון זיין דאווענען געהאלטען אויפגעהויבען זייערע פאדערשטע פיס און זיי זיינען געבליבען אויף זייערע הינטערשטע פיס שטעהן, ווי מענשען, להבדיל.

ער האט מיט זיין געוואלדיגער דביקות די גאנצע נאטור ארום ציטערען און פלאטערען געמאכט און האט צו ענרערונגען אין מעשה בראשית געבראכט.

די דביקות פון זיין דאווענען איז אזוי גרויס געווען, אז זי האט אויך אויף די שאף אין פעלד איהר היפנאטישע ווירקונג אויסגעאיבט, און פער׳שכורט און פער׳כישופ׳ט

פון גרויסען עקסטאז און פרייד זיינען זיי די גאנצע צייט פון זיין דאווענען אויף זייערע הינטערשטע פיס געשטאנען.

בשעת דעם דאווענען פלעגט דער גאנצער קערפער זיי־נער ציטערען. דער פנים זיינער פלעגט צייטענווייז ווי א פלאם־פייער ברענען. זיינע אויגען פלעגען ברייט געעפענט בלייבען און ווי ביי א גוסס פלעגט ניט זיין אין זיי קיין בעוועגונג צו בעמערקען. יעדען מאמענט האט זיך זיין פנים געענדערט. אט איז ער רויט געווארען און האט ווי א פייער געברענט און אט איז ער וויים ווי שנעע געווארען. יעדען מאמענט האט ער אן אנדער קאליר געהאט.

דער בעל שם פלעגט אפטמאל אליין פאר דעם עמוד דאווענען. צו תפלת מוסף אבער פון ראש השנה און חול המועד און יום כפור צו נעילה פלעגט ער שטענדיג צום עמוד געהן. עס איז שוין אזוי זיין שטענדיגער מנהג און שטענדיגע חזקה געווען.

און אויב דאס גאנצע דאווענען זיינס איז העכסטער רעליזיעגער עקסטאז און דביקות געווען, האט זיין שמונה עשרה דאווענען שוין גאר די גרעסטע מדרגה אין דיזער הינזיכט דערגרייכט.

בשעת שמונה עשרה פלעגט ער וועלטען גאנצע בויען. ער פלעגט דאמאלס א ריזיגע טעטיגקייט אנפיהרען.

די שמונה עשרה זיינע פלעגט ביי איהם זעהר לאנג געדויערען.

ווארים, ווי ער אליין האט ערקלערט, בשעת ער פלעגט צו די ווערטער „מחיה המתים" צוקומען, פלעגען זיך נשמות פון פערשידענע מתים אין די טויזענטער און צעהנ־דליגער טויזענטער א לאז טהון צו איהם, ער זאל זיי א תקון געבען. ער האט דאריבער א לאנגע ווייל ביי דיזען פלאץ געמוזט שטעהן בלייבען, ווארים ער האט געמוזט רעדען מיט

יעדען איינעם פון זיי, פרעגען איהם, פאר וואס מען האט איהם פון זיין מחיצה מדחה געווען, דאן איהם א תקון געבען און מתפלל זיין פאר איהם.

ווען איך וואלט וועלען — האט זיך איינמאל דער בעל שם אנגערופען צו זיינע תלמידים — מתקן זיין די אלע נשמות וואס ווענדען זיך צו מיר דאמאלס, וואלט איך דריי יאהר גאנצע בעדארפט שמונה עשרה שטעהן.

און ניט נאר פאר די טויטע פלעגט ער, שטעהענדיג שמונה עשרה, זארגען. ער פלעגט דאן אויך אין די לעבעדיגע ניט פערגעסען. טאמער האט דאמאלס ערגעץ וואו פאר מיילען און מיילען ווייט עפעס אן אומגליק מיט א אידען געטראפען, האט עס דאמאלס דער בעל שם באלד מיט זיינע ליכטיגע אויגען דערזעהן און האט שוין אלעס געטהאן אז דער איד זאל פון אומגליק ניצול ווערען.

איינמאל האט ער אין דאווענען צוויי מאל איבערגע־זאגט אין די „פסוקי דזימרי" דעם פסוק „שקר הסוס לתשועה". די מתפללים האבען עס ניט פערשטאנען און הא־בען זיך גע'חידוש'ט, וואס דער בעל שם האט א צווייטען מאל דעם פסוק איבערגע'חזר'ט. האט זיי נאכדעם דער בעל שם ערקלעהרט, אז אין דעם מאמענט האט ער געזעהן, ווי א גזלן האט אויף א פערד געריטען און געיאגט זיך צו הרג'ע־נען א אידען, וואס איז געבליבען אין פעלד שבת האלטען און דורך דעם, וואס איך האב דעם פסוק „שקר הסוס" נאך אמאל איבערגעזאגט, האב איך איהם דעם וועג פערדרעהט, ער זאל דעם אידען ניט קענען געפינען.

און אויב די טובה פון כלל ישראל אדער פון פרט האט געפאדערט, ער זאל פון זיין תפלה מפסיק זיין, האט ער אויך דאס געטהאן, טראץ דעם וואס ער האט מיט אזא דביקות און מסירות נפש געדאווענט שטענדיג. ווען ער האט עס גע־

פונעז פאר נויטיג, פלעגט ער דאן פון זיין תפלה מפסיק זיין און אמאל זאגאר אויף גאר אין גאנצען דעם בית מדרש פערלאזען.

איינמאל האט ער פאר דעם עמוד געדאווענט, און אין מיטען דאווענען האט ער פלוצלינג מפסיק געווען און האט זיך אוועקגעלאזט אין דער גאס. וואס האט זיך ניט ווייט פון שול געפונען און האט דארטען געטראפען א גוי, וואס האט געהאט האליץ צו פערקויפען. האט דער בעל שם ביי איהם א פוהר האליץ געקויפט און דער גוי האט איהם נאכגעפיהרט דאס האליץ אין בית המדרש אריין. דער בעל שם האט איהם געהייסען בעצאהלען פאר דעם האליץ און אויך דערפאר, וואס ער האט עס צום בית מדרש געבראכט, דערצו נאך האט ער איהם געהייסען אויך א גוטען טרונק בראנפען צוגעבען.

דער גוי איז איבערראשט געווען פון אזא פיינער בע־האנדלונג און האט זיך אנגערופען:

— געבענשט זאל דער אידישער גאט זיין, וואס ער פער־מאגט אזא הייליג פאלק. ווען עס זאל ביי מיר די פוהר האליץ איינער פון אונזערע געווען קויפען, וואלט איך פאר איהר ניט געוועז קריגען אזוי פיעל.

נאכדעם האט דער בעל שם דעם גאנצען ענין אויף פאלגענדען אופן דערקלעהרט.

בשעת'ן דאווענען האט ער פון אויבען א קטרוג אויף אחינו בני ישראל דערזעהן, אויף די וואס וואהנען אין די דערפער דערפאר, וואס מאנכע פון זיי נארען אב די פויערען אין די חשבונות וואס זיי האבען מיט זיי. האט ער בעדארפט פערשטאפען דאס מויל פון מקטרג דערמיט, וואס ער האט געמאכט דעם ערל זיין ליעבען נאמען צו בענטשען און דאס פאלק ישראל צו לויבען.

און יעדען מאָל, ווען דער בעל שם האָט געדאַווענט, איז ער דאַמאָלס דער שליח צבור פון גאַנצען כלל ישראל געווען. מיט זיין תפלה האָט ער דאַמאָלס די אַלע אידישע תפלות צום הימעל געבראַכט, אַזוינע אפילו, וואָס האָבען שוין פיעלע יאָהרען אַרומגעוואַנדערט און האָבען זיך ניט געקענט צום הימעל צושלאָגען.

אַזוי גרויס איז דער כח פון זיין תפלה געווען.

און נאָר מיט דעם כח פון זיין דאַווענען — דערצעהלט אונז די לעגענדע — האָט ער צו די אַלע הויכע מדרגות זיינע זוכה געווען.

איינמאָל האָט די נשמה זיינע — ווערט אין צואת הריב"ש דערצעהלט — צום בעל שם געזאָגט, אַז דאָס, וואָס ער האָט זוכה געווען צו די אַלע „רזין עילאין", צו די אַלע הימלישע סודות, איז ניט דערפאַר, וואָס ער האָט ש"ס און פוסקים זעהר פיעל געלערנט, נאָר צוליעב דער תפלה זיינער. צוליעב דעם, וואָס ער האָט שטענדיג מיט גרויס כונה גע־דאַווענט — נאָר דערפאַר האָט ער צו דער הויכער מדרגה זיינער דערגרייכט.

## ח.

# זיין עבודה דורך טבילה.

זיין עבודה דורך טבילות אין מקוה. — ווען ר׳ פנחס קאריצער וואלט געווען געגאנגען אין מקוה פאר פסח, וואלט דער בעל שם אום שבועות ניט געווען געשטארבען. — דער בעל שם פלעגט אמאל אז איבעריגען ביסען האפען און אן איבעריג ביסעל ווייז טרינקען. — קיינער פון זיינע תלמידים האט ניט געקענט אהיים פאהרען ביז ער אליין האט זיי צו זיך אריינגערופען און א „זיי געזונד" געוואונשען. — אין די אבענדען פלעגען ביי איהם געסט ביז עלף א זייגער פערברענגען און ער פלעגט מיט זיי גע־שפרעכען און שמועסען פיהרען. — ווען זיי פלעגען אהיים געהן, פלעגט יעדער איינער פערזיכערען, אז נאר צו איהם האט דער בעל שם דעם גאנצען אבענד גערעדט.

און אויך די „טבילות" אין „מקוה" זענען ביים בעל שם פאר א גרויסער „עבודה" פעררעכענט געווען. „ער פלעגט שטענדיג אין טבילות און מקואות פערברענגען," און פלעגט זאגען, אז פאר די גרויסע מדרגות, צו וועלכע ער האט זוכה געווען, בעדארף ער אויך אט דיעזער עבודה זיינער דאנקבאר זיין.

— נאך דער מקוה, דערצעהלען די תלמידים זיינע, פלעגט מען מיט איהם קיין ווארט ניט קענען אויסריידען, און ער אליין פלעגט אויף זיך זאגען:

— ווען איך געה אין מקוה, מאך איך אויף איין מאל די אויגען צו, און איך דערזעה דאמאלס די אלע פערשיעדענע וועלטען.

אויף ווי ווייט די מצוה פון געהן אין מקוה איז גרויס

און וויכטיג אין זיינע אויגען געווען זעהען מיר דערפון, וואס ער האט איינמאל געזאגט, אז ווען דער מגיד וואלט געווען געקענט געהן אין מקוה, וואלט ער געקענט משיח׳ן אראב־ברענגען, און ווען ר׳ פנחס קאריצער, דעם בעל שם׳ס פריינד און חבר, וואלט זיך געווען פאר פסח אין מקוה טובל׳ען, וואלט דער בעל שם טוב ניט געווען שטארבען אים שבועות.

דער בעל שב לערענט אויף פאלגענדען אופן צו מקיים זיין די מצוה פון טובלענען זיך אין מקוה.

„איידער איינער געהט אין מקוה אריין, בעדארף ער זיך צו דער מדרגה פון אמת׳ען „שברת הלב" ברענגען, און דער עול מלכות שמים מקבל זיין, אבזאגען זיך פון אלע זינד און נעהמען אויף זיך פון היינט אן און וויטער צו דיענען גאט מיט אהבת חסד*) און יראת גבורה, כדי השם יתברך זאל זיך קענען בעריהמען מיט איהם, אזוי ווי אין פסוק שטעהט „ישראל אשר בך אתפאר". און ער בעדארף זיין גרייט דאמאלס זיך מוסר נפש זיין על קדושת השם.

דער בעל שם האט וועגען דעם ענין פון טובלענען זיך אין מקוה א ספעציעלען שריפט מיט דעם נאמען „כונות המקוה" פערפאסט.

---

פונקט ווי ער האט יענעם געלערנט, אזוי האט דער בעל שם אויך זיך אליין געפיהרט.

---

*) מיר דערקענען גאט דורך זיינע אטריבוטען. איינער פון דיעזע אטריבוטען זיינע איז חסד—גנאד. גאט איז דער מקור החסד. א צווייטער איז גבורה. גאט איז דער מקור הגבורה. און יעדער אטריבוט ברענגט אין מענשען די ענטשפרעכענדע רעאקציאן ארויס. יעדער אטריבוט רופט ביי איהם ארויס די ענטשפרעכענדע בעציעהונג צו גאט. ווען מיר טראכטען וועגען דעם אונענדליכען חסד פון דער גאטהייט, ווערט אונזער הארץ איבערפילט מיט גרויסער ליעבע צו גאט. און ווען מיר טראכטען וועגען דער אונענדליכער גבורה פון גאטהייט, פאלט אויף אונז א גרויסע אימה — יראה — אן.

און דעריבער פלעגט ער זיך ניט פייניגען מיט תעניתים און סגופים. ער פלעגט עסען און טרינקען מיט אלע מענשען גלייך.

און אמאל זאגאר פלעגט ער אויך אן איבעריגען ביסען כאפען און אן איבעריג ביסעל ווייז טרינקען.

טראָץ דעם אבער, וואס עס איז אין דיזער התנהגות זיינער גאָר ניט געווען אזוינס, וואס זאל ניט זיין אין איינקלאַנג מיט זיינע לעהרען און אנשויאונגען, האָט דאָך די פאָלקס לעגענדע אויך זיין עסען גאַנצע כונות צוגעשריבען. די פאָלקס לעגענדע האָט, טראָץ דעם וואס דער חסידיזם האָט אקצעפטירט דעם הויפט פרינציפּ פון בעל שם'ס לעהרע וועגען דעם, אז מען בעדאַרף גאָט „מתוך שמחה" דיענען, דאָך ניט געקענט דערלאָזען, אז דער בעל שם זאל אפילו אין זיין עסען, ווי אלע געוועהנליכע מענשען זיין. ער האָט דאריבער אויך זיין עסען אלס א מין „עבודת אלהים" בעטראַכט.

און זי דערצעהלט אונז, אז דאָס גאַנצע עסען און טרינקען וואס דער בעל שם פלעגט אין זיין הייליג מויל ברענגען, פלעגט א פייער פון הימעל קומען און עס גלייך צום הימעל ברענגען.

איינמאָל — דערצעהלט די לעגענדע — האָט דער בעל שם אביסעל צופיעל געגעסען. האָט ער נאָכדעם אליין דערקלעהרט, אז ער האָט דאמאלס מיט זיין עסען מכון געווען דאָס, וואס משה האָט דורך די צווייטע לוחות משיג געווען.

איינמאָל ווידער האָט ער צופיעל וויין געטרונקען, איז דער פנים זיינער געוואָרען רויט און אלע האָר זיינע האָבען ממש ווי פייער אויסגעזעהן. „ער האָט אָבער בעדאַרפט נאָר איין מאָל מיט זיין האנד איבער דעם געזיכט איבערפיהרען און עס איז פון איהם מיט אמאָל דער גאַנצער וויין אויסגעוועבט געוואָרען".

און געקומען איז דאָס, ווי ער אַליין האָט ערקלערט, על פּי דעם, וואָס די חז״ל זאָגן: „יין קשה, פּחד מפיגו“, אַז שרעק וועבט שטאַרקען ווייז אויס.

איך האָב זיך אין דער גוואַלדיגער גרויסקייט פון השם יתברך איינגעטראַכט, איז אויף מיר אַ גרויסער פּחד אָנגע־פאַלען און דיזער גרויסער פּחד האָט דעם גאַנצען וויין פער־טריבען.

---

אין זיין הויז פלעגט שטענדיג אַ געוויסער שטאַט און שענע אָרדנונג הערשען. ער פלעגט אַליין אַכטונג געבען דערויף, ווער פון די חסידים, וועלכע זיינען צו איהם אויף שבת געקומען, זאָלען צוזאַמען מיט איהם ביים טיש זיצען. אָהן זיין ערלויבניש האָט קיינער ניט געוואָגט זיין פּלאַץ פאַרנעהמען. עס פלעגט אויך קיינער פון זיינע תלמידים און חסידים די שטאָדט ניט פערלאָזען, ביז ער האָט זיי ניט אריינגערופען צו זיך און אַ „זיי געזונד“ געווינשען. און עס האָבען געמעגט אפילו שוין פיעלע חדשים אוועקגעהן, האָט מען דאָך ניט געקענט אַריינגעהן צו איהם און זאָגען איהם, אַז מען וויל שוין אַ היים פאָהרען. מען האָט געמוזט וואַר־טען ביז ער אַליין האָט ניט אַ היים געשיקט.

פון דעם אַלעם איז צו זעהן, אַז צוזאַמען דערמיט וואָס ער האָט געקענט אַזוי נאָהענט און אַזוי אינטים צו יעדען איינעם מענשען צוגעהן, אַז צוזאַמען דערמיט וואָס ער האָט אין זיינע בעציהונגען צו מענשען די גאַנצע גרויסע ליכט זיינע געלאָזט פון זיך אויסשטראַהלען, האָט ער דאָך אפילו די גאָר נאָהענסטע מענשען זיינע, אין אַ געוויסען זינן, אויך אויף אַ קליינעם דיסטאַנץ ווייט פון זיך געהאַלטען. אַזוי, אַז צוזאַמען מיט דער אונענדליכער ליעבע, וואָס זיי האָבען צו איהם געפיהלט, זאָלען זיי זיך צו איהם אויך מיט אונענדליכען

רעספעקט בעציהען, כדי זיין איינפלוס אויף דעם דור זיינעם
זאָל נאָך מעהר שטאַרקער זיין, כדי זיין לעבענס־מיסיאָן זאָל
זיך נאָך מיט מעהר גרויסען ערפאָלג קרוינען.

---

באַלד נאָך דעם, וואָס מען פלעגט מערב אָבדאַווענען, פלעגט דער בעל שם צו זיך אין צימער זיך פערקלייבען. אויפ'ן טיש פלעגען צוויי גרויסע ליכט שטעהן. עס פלעגען זיך שטענדיג געפינען אויף איהם ספּעציעלע ספרים געוויסע. צווישען דיזע ספרים פלעגען אויך זיין: משניות „קדשים" און „טהרות", א גמרא „זבחים", „מנחות" און דער ספר „יצירה".

ביז עלף א זייגער ביינאַכט פלעגט מען לאָזען די מענ־שען אריינגעהן צו איהם און מיט איהם רעדען.

פון עלף א זייגער אָבער אָן פלעגט מען שוין מעהר קיי־נעם ניט אריינלאָזען צו איהם, און דער בעל שם פלעגט אין התבודדות און ביחידות עטליכע שטונדען דורכאַנאַנד אין תורה און עבודה פערברענגען.

---

און פול מיט רוח הקודש — דערצעהלט די לעגענדע — זיינען געווען די געשפּרעכען, וואָס דער בעל שם פלעגט פיה־רען מיט די בעזוכער זיינע, וואָס פלעגען צו איהם אין די אָווענדען קומען. מעשי־נסים זיינען זיי געווען. אויף א וואונדערליכען אופן פלעגט יעדער איינער אין זיי געפינען דאָס, וואָס ער האָט בעדאַרפט. יעדער איינער האָט אין זיי אַנדייטונגען און בעמערקונגען געפונען דערויף, וואָס האָט איהם אויפן הארצען געדריקט. יעדער איינער האָט אין זיי אַן ענטפער געפונען דערויף, וועגען וועלכען ער האָט זיך מיט דעם בעל שם געוואָלט דורכרעדען. יעדער איינער האָט גע־גלויבט, אַז נאָר צוליעב איהם איז דער גאַנצער געשפּרעך

פון אוועגד געווען, אז נאר צו איהם האט דעם גאנצען אבענד דער בעל שם גערעדט.

עס זיינען איינמאל אין אן אבענד פיעלע מענשען גע־זעסען — ווערט אין איין לעגענדע דערצעהלט, — ביים בעל שם, און ער האט עטליכע שטונדען דורכאנאנד געהאלטען אין איין רעדען און פרעדיגען. און ווען די געסט האבען דאס הויז פערלאזט און זיינען אהיים געגאנגען, האט יעדער איינער געזאגט, אז נאר מיט איהם האט דער בעל שם גערעדט און ניט מיט קיין אנדערען.

---

און אויב ער פלעגט ווידמענען די אבענדען זיינע פאר אלע געסט און בעזוכער, וואס פלעגען קומען צו איהם, פלעגט ער אבער די טעג נאר פאר זיינע תלמידים און מקורבים האלטען.

און אם מעהרסטען פלעגט ער דעם טאג אויף דער נאטור פארברענגען.

ער פלעגט מיט די תלמידים זיינע אונטער'ן שטאדט זיך אוועקלאזען און פארברענגען מיט זיי דארטען אין גע־שפרעכען און שמועסען.

אין דער יום טוב'דיגער אטמאספערע פון דער מוטער־נאטור, ווייט פון דעם וואכעדיגען און טומעלדיגען לעבען, פלעגט ער פאר זיינע תלמידים און מקורבים זיינע טעאריען און געדאנקען פארנאנדערוויקלען. אם מעהרסטען זיינען אלע זיינע שענע און הארציגע אפאריזמען, אלע זיינע וואונדער־בארע און פיינע מעשה'לעך און משלים, אויף דיזע אינטימע שפאצירען צו זייער אויסדרוק געקומען.

אין דער בעגלייטונג פון זיינע אינטימע פריינד און

תלמידים פלעגט ער מיט א לולקע־ציבעק אין מויל איבער די פעלדער ארומשפאצירען.

און עס האבען זיך בשעת מעשה פערעל־אפאריזמען פון זיינע ליפען געשאטען.

און ער האט בשעת מעשה זיינע וואונדערבארע משלים־מעשה׳לעך געשפינט.

## ט.

# די וועגען דורך וועלכע דער בעל שם האט זיינע תלמידים ערווארבען.

די וועגען און מיטלען, ווי אזוי דער בעל שם האט זיינע תלמידים ערווארבען. — צו דער נשמה פון יעדען איינעם איז ער מיט א באזונדער שליסעל צוגעגאנגען. — ווי אזוי ער האט די ראשי החסידים פון מעזשיבוזש פאר זיינע תלמידים געמאכט. — זייערער א תלמיד הערט אין הימעל, נאך זיין פטירה, דעם בעל שם תורה זאגען. — ער קומט צו זיי אין חלום און גיט זיי די תורה פון בעל שם איבער. — דעם זעלבען שבת נאך געהען זיי צו שלש סעודות צום בעל שם און הערען די זעלבע תורה פון זיין מויל. — די גרויסקייט און היילינקייט פון מאמענט, ווען דער בעל שם פלעגט זיך צום עסען וואשען. — אלע זיינע תלמידים פלעגען דאמאלס אין א טיעפען שלאף פארזינקען. — פלעגען ערוואכען ערשט, ווען ער האט די „המוציא" געמאכט. — ר' דוד פורקים הערט דאן איינמאל אין חלום, ווי דער בעל שם מיט דעם מגיד זענען זיך וועגען די כונות פון נטילת ידים מבלבל. — מיט עטליכע מינוטען נאך זיין ערוואכען הערט ער דאס זעלבע ביים טיש „בהקיץ" טאקי.

רייך און פערשיעדען זענען געווען די גרויסע און ווערטפולע אוצרות, וואס דער בעל שם האט אין זיין אינערליכער וועלט פערמאגט.

און מיט דער הילף פון דיזע אלע רייכע און פערשיעדענע אוצרות האט ער זיך בענוצט צו ארגאניזירען ארום זיך א גרופע פון גרויסע און בעדייטענדע פערזענליכקייטען, וועלכע זאלען איהם ארויסהעלפען אין דער גרויסער ארבייט זיינער, וואס ער האט גענומען אויף זיך.

ער איז געווען בעוואוסט אויף דער פולער גרויסקייט און וויכטיגקייט פון זיין טעטיגקייט, וואס ער האט געוואלט

אין אידישען לעבען אנפיהרען, און ער האט געפיהלט, אז ער מוז האבען פיעלע יונגע און פרישע כחות, וואס זאלען צוזא־מען מיט איהם די שווערע און פרוכטבארע לאסט טראגען.

און דעריבער איז די ערשטע ארבייט זיינע געווען, ווען ער האט זיך אין מעזשיבוזש בעזעצט, וואס מעהר געטרייע און איבערגעגעבענע תלמידים ארום זיך צו קאנצענטרירען. ער האט דארטען א מין „להקת־הנביאים" געגרינדעט און האט זיך מיט זייער ערציהונג בעשעפטיגט, עס זאלען פון זיי פאסיגע לעהרער און וועג־ווייזער פאר דעם אידישען פאלק ארויסקומען, פאסיגע לעהרער און וועג־ווייזער, וועלכע זאלען איהם העלפען ערציהען און פיהרען דאס אידישע פאלק און זאלען זיינע אידעען און אנשויאונגען צווישען די ברייטע פאלק׳ס־שיכטען פראפאגאנדירען.

ער האט ניט געוואלט, אז זיין טעטיגקייט זאל צוזא־מען מיט איהם אבשטארבען.

ער האט זיך דעריבער מיט גייסטיגע יורשים און ממלא־מקומות געוואלט פערזארגען, וועלכע זאלען אויך נאך זיין טויט זיין ארבייט פארטזעצען.

און געזוכט האט ער די תלמידים זיינע צווישען די אלע פערשיעדענע שיכטען און גרופען פון פאלק.

ער האט געוואלט, אז דאס גאנצע פאלק זאל אין די לעהרער זיינע פערטראטען זיין, אז די אלע פערשיעדענע קלאסען זאלען זייערע פארשטעהער אין זייערע רייהען הא־בען, כדי זייער טעטיגקייט זאל מעהר פאלקסטימליך און דע־מאקראטיש זיין און זאל מיט וואס מעהר פרוכטבארקייט געבענטשט ווערען.

האט ער נאר ערגעץ וואו אנגעטראפען אזא איינעם, וואס ער האט געדענקט, אז ער קען איהם פאר זיינע ציעלען און צוועקען צונוץ קומען, האט ער שוין אלעס, וואס איז אין

זיינע מעגליכקייטען געווען, אנגעווענדעט, יענער זאל איינער פון זיינע מקורבים ווערען.

צו דער נשמה פון יעדען איינעם איז ער מיט א בעזונ־דערען שליסעל צוגעגאנגען. אויף יעדען איינעם האט ער דורך אן אנדער וועג געווירקט. לויט דער אינדיווידואליטעט און חאראקטער פון יעדען איינעם בעזונדער, האט ער אויף איהם זיין איינפלוס אויסגעאיבט און פאר זיינעם אן אנ־הענגער ערווארבען.

די מעהר איינפאכע, הארציגע און טרוימערישע נאטו־רען האט ער דורך מופתים, משלים און מעשה׳לעך געגומען. די לומדים און מופלגים — דורך פלפול און פירושים אין תלמוד און מפרשים און די, וואס זענען גרויס אין חכמת־הנסתר געווען, האט ער דורך זיינע קאמענטאריען אויף דעם זוהר און אנדערע ספרי־קבלה אלס זיינע אנהענגער ער־ווארבען.

און ניט שטענדיג איז איהם אזוי גרינג אנגעקומען די פערזענליכקייט, אויף וועלכער ער האט אן אויג געווארפען, פאר זיינעם א תלמיד צו ערווערבען. ניט שטענדיג און אי־בעראל איז איהם אזוי גרינג אנגעקומען די אנערקענונג זיינע צו ערווערבען. אפטמאל פלעגט זיך עס איהם איינגעבען ערשט נאך א לאנג־דויערענדען און שווערען קאמפף.

און אפילו אין מעזשיבוזש האט ער ניט אזוי גיך זיין פולע אנערקענונג ערווארבען. ער האט דארטען די ערשטע צייט א שווערען קאמפף פאר זיין אנערקענונג געמוזט אנ־פיהרען.

און דעם קאמפף זיינעם האט ער געמוזט פיהרען אפילו מיט אזוינע מענשען, צו די רייהען פון וועלכע ער איז נא־הענטער, ווי צו אלע אנדערע שיכטען פון אידישען פאלק גע־שטאנען.

די לעגענדע דערצעהלט אונז, אז די חסידים פון מע־זשיבוזש זענען זעהר ניט צופריעדען געווען מיט דעם בעל שם, ווען ער האט זיך אין זייער שטאדט בעזעצט. בעזונדערס האבען זיך שלעכט בעצויגען צו איהם די ראשי־החסידים פון שטאדט צו יענער צייט, ר׳ וואלף קיציס און ר׳ דוד פורקעס. דער נאמען בעל שם טוב, מיט וועלכען ער האט זיך גערופען, האט איהם אין זייערע אויגען פערביליגט. ווארום „פאר א צדיק פאסט ניט דער נאמען בעל שם.״

דער בעל שם האט אבער ענדליך דאך געזיעגט, און ניט נאר די אלע איבעריגע חסידים, נאר אויך די צוויי אויבענ־דערמאנטע פיהרער זייערע, זענען זיינע געטרייסטע און איבערגעגעבענסטע תלמידים געווארען.

און עס ווערט וועגען דעם די פאלגענדע לעגענדע דער־צעהלט:

זיי האבען ביידע גאר א געהויבענעם תלמיד געהאט, וועלכער איז פלוצלונג געפעהרליך קראנק געווארען. האט ער געוואלט דעם בעל שם רופען. זיי אבער האבען ניט געלאזט.

ווען ער האט געזעהן, אז ער האלט זעהר שלעכט, האט ער, געגען דעם ווילען פון זיינע לעהרער, דאך דעם בעל שם גערופען:

עס איז שוין אבער צו שפעט געווען.

מען האט שוין פון הימעל דעם מלאך המות געשיקט.

האט איהם דער בעל שם געזאגט, אז ער קען פאר איהם גאר ניט טהון. ער מוז פון דער וועלט אוועקגעהן. ער האט איהם אבער א פלאץ אין גן־עדן צוגעזאגט.

ווען דער בעל שם טוב איז א היים געגאנגען, האט דער קראנקער איבערגעגעבען די לעהרער זיינע אלעס, וואס דער בעל שם האט איהם געזאגט.

האבען זיי פון איהם א תקיעת כף גענומען, אז ער זאל

זיך צו זיי נאָך דעם טויט בעוויזען און דערצעהלען זיי אלעס, וואָס איז מיט איהם פון זיין פּטירה אָן פאָרגעקומען.

א שטיק צייט נאָך זיין טויט האָט זיך צו זיי דער תלמיד ווירקליך אין חלום בעוויזען, און האָט זיי דערצעהלט, אַז נאָך זיין טויט איז ער אין הימעל פון איין היכל צום צווייטען ארומגעגאנגען. צולעצט איז ער צוגעקומען צו א היכל, אוואו ער האָט געטראָפען די „בני־היכלא" זיצען אויסגעזעצט און דער בעל שם האָט פאַר זיי תורה געזאָגט.

דער תלמיד האָט זיי אויך די תורה פון בעל שם איבער־געגעבען.

זענען זיי נאָך דעם זעלבען שבת געגאנגען צום בעל שם אויף שלוש סעודות און איהם געהערט זאָגען ביים טיש די זעלבע תורה, וואָס ער האָט אויפ׳ן הימעל פאַר די „בני־היכלא" געזאָגט.

און א צווייטע לעגענדע דערצעהלט פאָלגענדעס וועגען דעם, ווי אזוי אַט יענע מעזשיבוזשער גדולים זענען זיינע תלמידים געוואָרען.

זייענדיג א גרויסער מתנגד פון בעל שם, פלעגט ר׳ דוד פורקעס אין דער אנוועזענהייט פון זיינע תלמידים זיך שטענדיג לוסטיג מאַכען איבער דעם בעל שם.

האָט זיך איינמאָל געמאַכט, אַז איינער פון די יונגע לייט, וועלכע זיינען פון בעל שם׳ס מקורבים געווען, האָט זיך אין ידיעת התורה געוואָלט פערפאָלקאָמען.

האָט איהם דער בעל שם געהייסען געהן צו ר׳ דוד פורקעס, און האָט איהם דערביי אָנגעזאָגט, אַז טאָמער וועט ער הערען, ווי מען מאַכט חוזק פון איהם, זאָל עס איהם ניט אַרען, ער זאָל שווייגען שטענדיג און גאָר ניט ענטפערען.

איינמאָל האָט ר׳ דוד פורקעס געבעטען דעם נייעם

תלמיד זיינעם ער זאָל איהם עפּעס וועגען דעם בעל שם׳ס דרכים דערצעהלען.

האָט איהם דער תלמיד דערצעהלט, אַז בשעת דער בעל שם וואשט זיך צום עסען, האָט ער גוואלדיגע דביקות דאַמאָלס און גרויס און הייליג איז דער מאָמענט דאמאלס, און די גרעסטע תלמידים זאָגאר פון בעל שם האָבען ניט די זכיה דיזען מאָמענט בייצו־וואָהנען. עס פאלט דאמאלס אַן א טיעפער שלאָף אויף די אַלע תלמידים זיינע. זיי ערוואכען ערשט דאַן, ווען דער בעל שם הויבט אָן די ברכת המוציא צו מאַכען.

האָט זיך דאַן ר׳ דוד שטאַרק אויסגעלאכט פון דעם אַלעם. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט ניט איינשלאָפען.

האָט ער זיך איינמאָל גוט אויסגעשלאָפען, כדי ער זאָל זיך פריש און מונטער פיהלען, און צום בעל שם געקומען.

דער בעל שם האָט איהם איינגעלאַדען, ער זאָל מיט איהם מיטעסען.

און ווי נאָר דער בעל שם האָט זיך צום עסען געוואַשען, איז ר׳ דוד אין א טיעפען שלאָף פערזונקען.

און עס האָט זיך איהם גע׳חלום׳ט, אַז ער איז אויפ׳ן הימעל ארויף, און ער הערט דאָרטען דעם בעל שם די כונות פון נטילת ידים זאָגען און דער מגיד איז זיך מפלפל מיט איהם, און ווייזט איהם אויף, אַז זיינע כונות זענען ניט לויט די כונות האר״י. ווייטער האָט ער געהערט, ווי דער בעל שם האָט דעם מגיד אויף זיינע טענות געענטפערט, אַז „אין אונזער שוואכען דור וועט אויך דער האר״י מודה זיין, אַז איך בין גערעכט. עס זענען פאַר אונז מיינע כונות גענוג. מיר קענען ניט מכוון זיין מעהר“.

און נאָכדעם זענען זיי געגאנגען דעם האר״י פרעגען און עס איז צווישען זיי א גוואלדיגער פלפול פאָרגעקומען, ביז

דער האר"י האט דאך ענדליך דעם בעל שם געמוזט נאכגעבען.

און אין דעם מאמענט האט ר' דוד פון שלאף ערוואכט, הערענדיג דעם בעל שם די ברכה המוציא מאכען.

און באלד נאך דעם האט דער מגיד, וועלכער האט זיך דאמאלס אויך צווישען די געסט געפינען, זיך אנגעהויבען מפלפל צו זיין מיט איהם, אז די כונות זענען ניט לויט די כונות האר"י.

דערויף האט איהם דער בעל שם געענטפערט, אז אין דיזען שוואכען דור „וועט אויך דער האר"י מודה זיין, אז מיר זענען גערעכט".

— ווי אזוי קענט איהר עס בעווייזען ?

— זאל ר' דוד פורקעס מיין עדות זיין — איז דעם בעל שם'ס ענטפער געווען — ער האט אט ערשט אין הימעל געהערט, ווי דער האר"י האט מיט מיר מסכים געווען.

## י.

# פארטזעצונג

ר׳ ישראל חריף מאטערט זיך אויף א שווערען רמב"ם. — דער בעל שם דערפיהלט עס און קומט צו איהם און פערענטפערט איהם אלעס. — אין דעם מאמענט, ווען דער בעל שם האט אנגעהויבען זיינע ענגו׳ם זאגען, איז פאר ר׳ ישראל חריף א שווערער תוספות פערענטפערט געווארען. — דער בעל שם האט עס דערפיהלט און נאך די סליחות האט ער זיך צום ר׳ ישראל אנגערופען: א יא, מיינע „ענגו׳ס" קענען א טייערען פשט אויף א תוספות זאגען. — דער בעל שם זאגט תורה אין א שענעם פאלאץ אויפ׳ן הימעל. — א למדן מופלג, זיינער א מתנגד, וויל זיך אין פאלאץ אריינרייסען. — דער משרת שטויסט איהם אב. — שטעלט ער זיך ביים פענסטער און הערט זיך אין דער תורה איין.

און אויך דאן, ווען דער בעל שם האט ניט געטראפען, ווען עס האט זיך אויסגעלאזט פונקט פערקעהרט, ווי ער האט פאראויסגעזאגט — אויך אין דעם האט דער חסידיזם וואונ־דער גרויסע געזעהן, אויך אין דיעזע מאמענטען האט ער פא־סיגען מאטעריאל געפונען ער זאל פון זיי פאר׳ן בעל שם בלו־מען־קראנצען פלעכטען.

איינמאל—דערצעהלט אונז די לעגענדע—האט דער בעל שם שבת געהאלטען אין קאריסטישעוו.

האט דער שטאדט מגיד, ר׳ הירש, וועלכער איז איבער דעם גאנצען געגענד בערימט געווען, ניט געוואלט זיך זעהן מיט איהם, ווארום ער איז א גרויסער געגנער פון בעל שם געווען.

פלוצלונג איז זיין טאכטער געפעהרליך קראנק געווארען.

איז צו איהם די פרוי זיינע שטארק צוגעשטאנען, ער זאָל געהן צום בעל שם סגולות ביי איהם נעהמען.

געגען זיין ווילען איז ר' הירש צום בעל שם אוועקגע־גאנגען און האָט איהם וועגען זיין טאָכטער'ס קראנקהייט דערצעהלט.

האָט איהם דער בעל שם טוב די פאָלגענדע סגולה גע־געבען: ער זאָל איבער דעם בעט פון זיין טאָכטער א שווארצע הוהן צורייסען און אבקאָכען זי און גיבען איהר אביסעל זופּ פון איהר *).

ר' הירש האָט זעהר ווייניג אמונה געהאט אין דיעזער סגולה און זי איז נאָך דערצו איהם זעהר דערווידער געווען.

ער האָט דעריבער בעשלאָסען דעם בעל שם א שפּיצעל אבטהון, דורך וועלכען ער זאָל ביליג און לעכערליך ווערען.

קומענדיג אהיים האָט ער געזאָגט זיין פרוי, אז דער בעל שם האָט איהם געהייסען פאָלגענדעס טהון: צונויפ־געהמען אלע זיינע תלמידים און אבלערנען צוזאמען א קליינע „מסכתא“ און פאר דער „סעודה“ פון „סיום“ זאָל זי צוגריי־טען א ווייסע הוהן א געקוילעטע און זאָל געבען דעם חולה אביסעל זופּ, וועט זי געזונד ווערען.

די פרוי האָט אַלעס געטהון, ווי דער מאַן האָט איהר געהייסען, און די טאָכטער איז ווירקליך געזונד געוואָרען.

איז ר' הירש געלאָפען שנעל אנזאָגען די גוטע בשורה דעם בעל שם און ער האָט זיך געריכט אויף א שען ביסעל שפּאַס.

ווי ער האָט אָבער נאָר די שוועל איבערגעטראָטען, האָט זיך דער בעל שם אָנגערופען צו איהם:

---

*) מען בעדארף עס מעהר ניט, ווי א מעשה בעטראכטען. דער בעל שם איז ווייט געווען פון בענוצען זיך מיט אזוינע „מעשה־אמורי“ סגולות.

— איך ווייס, איך ווייס, אז דו האסט געטהון פונקט פערקעהרט, ווי איך האב דיר געהייסען. גלויב מיר, אז דו האסט זיך דורך דעם אין א גרויסער געפאהר געשטעלט. דו האסט שיעור דיין טאכטער ניט פערשפּיעלט. דער גרויסער זכות אבער פון דיין תורה האט אויך דיר מגין געווען און האט ראס לעבען פון דיין טאכטער גערעטעט.

ר' הירש האט דאן—פערענדיגט די לעגענדע—דעם גרויסען כח פון בעל שם דערזעהן און איז פון דאמאלס אן זיין הייסער חסיד געווארען.

---

דער בעל שם איז געווען פונקט אזוי גרויס אין נגלה, ווי אין נסתר. עס האבען זיך צווישען זיינע תלמידים פיעלע בעריהמטע גאונים געפונען. ווען אבער זיינע ידיעות אין תלמוד און פוסקים זאלען ניט געווען גאונישע זיין, וואלט ער ניט געווען געקענט האבען אזוינע גאונים אלס תלמידים זיינע.

אויסער דעם רעדען אלע גאונים־תלמידים זיינע מיט גרויס בעגייסטערונג וועגען זיין גרויסער חריפות און בקיאות.

ער האט אבער קיינמאל ניט געוואלט מיט די גרויסע ידיעות זיינע אין נגלה שטאלצירען. ער פלעגט זיי ניט פאר דעם ברייטען פובליקום ארויסווייזען. ער האט געוואלט דערמיט אונטערשטרייכען, אז דער עיקר איז ניט די גוטע קאפּ, נאר דאס גוטע הארץ, אז די העכסטע מדרגה אין עבודת ה' קען מען אפילו אהן גאונות דערגרייכען.

ווען עס האט זיך אבער געהאנדעלט וועגען א נייעם תלמיד צו ערווערבען, האט ער זיך אויך מיט זיין גאונות און חריפות בענוצט. עס זאל זיך זיין פערלאנג מיט ערפאלג קרוינען.

און דורך זיין גאונות און חריפות—דערצעהלט אונז די לעגענדע—האט זיך איהם איינגעגעבען אויך ר׳ ישראל חריף פאר זיינעם אן אנהעננגער צו ערווערבען.

ר׳ ישראל—ווערט אין א לעגענדע דערצעהלט—האט פערזענליך דעם בעל שם געקענט און איז א גרויסער נעגנער זיינער געווען.

איינמאל איז ר׳ ישראל׳ען עפּיס א שיטה אין ש"ס און רמב"ם קשה געווען. דער בעל שם האט עס דערפיהלט און האט זיך אוועקגעלאזט צו איהם און האט איהם אלעס לויט דעם ריכטיגען פּשט ערקלערט.

האט איהם ר׳ ישראל דאמאלס געזאגט:

— דער אמת איז, אז דער פּשט, וואס איהר האט גע־זאגט, איז זעהר א גוטער און דערפאר וואלט איך אייך טאקי ליעב געהאט, ווען איהר זאלט קיין בעל שם ניט זיין.

און נאך אמאל האט זיך געמאכט, וואס ר׳ ישראל האט זיך עפּיס אויף א שווערען ענין געמאטערט, און אויך דאס מאל איז צו איהם דער בעל שם אונטערגעקומען און האט איהם דעם ריכטיגען פּשט ערקלערט. און ר׳ ישראל האט איהם ווידעראמאל געזאגט דאס, וואס ער האט איהם דעם ערשטען מאל געזאגט.

ענדליך האט זיך אזוי געמאכט, אז ר׳ ישראל׳ס זוהן איז געפעהרליך קראנק געווארען.

די פרוי זיינע איז צו איהם צוגעשטאנען, ער זאל צום בעל שם פאהרען.

פריהער האט ער ניט געוואלט. שפּעטער אבער האט ער געמוזט נאכגעבען—

און ער איז אנגעקומען צום בעל שם די ערשטע נאכט פון סליחות.

ביי סליחות אין שול האט ר׳ ישראל געזאגט פון איין סליחה מיט דעם חזן.

און דער מנהג פלעגט זיין, אז דער בעל שם אליין פלעגט צום עמוד געהן און פארבעטען דעם „אל רחום וחנון" און די „עננו'ס." דער בעל שם פלעגט זאגען, אז „ווען נאך איינער וואלט געקענט אזוי ווי איך „אל רחום שמך" זאגען, וואלט איך משיח'ן אראפגעבראכט."

ווען דער חזן איז פון עמוד אוועקגעגאנגען, איז גאנץ קהל געבליעבען אויפ'ן בעל שם ווארטען.

און ר׳ ישראל האט זיך פערטראכט דערווייל, ער האט זיך אין א שווערען תוספות פערטיעפט.

דער בעל שם איז צוגעגאנגען צום עמוד און האט אנגעהויבען זאגען „אל רחום" און „עננו," ווי זיין שטייגער איז געווען.

און פונקט דאמאלס האט דער ריכטיגער פשט אין מוח פון ר׳ ישראל א שיין געטהון.

דער בעל שם האט געענדיגט דאס סליחות זאגען, און איידער נאך ר׳ ישראל האט בעוויזען אנהויבען צו רעדען מיט איהם, האט זיך דער בעל שם אנגערופען צו איהם:

— דער „עננו" מיינער קען א גוט פשט'על אין תוספות זאגען.

און פון דאן אן איז ר׳ ישראל חריף אן איבערגעבענער תלמיד פון בעל שם געווארען.

---

אין אן ענהליכער לעגענדע ווערט פאלגענדעס דערצעהלט:

אין מעזשיבוזש האט זיך א מלמד, א למדן מופלג, געפונען, וועלכער איז א געגנער פון בעל שם געווען, און דער בעל שם האט זעהר געגארט לעבודת ה׳ איהם מקרב זיין.

איינמאָל אין א פרייטאָג־צו־נאַכט האָט דער מלמד אין חלום געזעהן א שענעם פּאַלאַץ, וועלכער איז „אויף דעם שענ־סטען אופן אויסגעשטאַטעט געווען.“

איז ער צום פּאַלאַץ צוגעגאנגען און האָט אהין דורך דעם פענסטער אריינגעקוקט. האָט ער געזעהן, ווי דער בעל שם דרש׳עט דאָרטען דברי תורה ברבים.

איז ער צוגעלאָפען צום טיר און האָט אינווענינ אין פּאַ־לאַץ געוואָלט אריינגעהן.

דער משרת אָבער, וואָס איז ביים טיר געשטאַנען, האָט איהם פון טיר אָפּגעשטויסען און האָט איהם ניט געלאָזט אריינגעהן.

האָט ער זיך נעבען פענסטער אוועקגעשטעלט און האָט זיך אין דער תורה פון בעל שם איינגעהערט.

ווען ער איז אָבער אין דער פריה אויפגעשטאַנען, האָט ער די גאַנצע תורה, וואָס ער האָט געהערט נעכטען, פער־געסען.

א גאַנצען טאָג איז דער מלמד, ווי א משוגענער ארומ־געלאָפען. פאַרנאַכט איז צו איהם דער גבאי פון בעל שם גע־קומען און האָט איהם איינגעלאַדען צום בעל שם אויף שלש סעודות.

און ער האָט געהערט דאָרטען די גאַנצע תורה, וואָס ער האָט נעכטען ביינאַכט אין חלום געהערט —

און פון דאַמאָלס אָן איז ער געווען חסיד געוואָרען.

אמת שען איז אויף די פאָלגענדע לעגענדע וועגען דעם, ווי דער בעל שם פלעגט זיינע אָנהענגער ערוועהבען.

איינער פון די גדולי־הדור איז א געגנער פון בעל שם געווען.

איינמאָל אין א פרייטאָג־צו־נאַכט האָט ער אין חלום געזעהן, אז עס איז פאָרגעקומען א מחלוקת צווישען האר״י

און בעל שם וועגן דעם, ווי אזוי מען בעדארף א געוויסע שטעלע אין „זוהר" אויסטייטשען.

נאך א לאנגען חלוקי דעות זענען זיי ביידע צו ר' שמעון בן יוחאי, דער מחבר פון זוהר, צוגעגאנגען, און דער לעצטער האט דעם האר"י אבגעגעבען גערעכט.

דער בעל שם טוב איז אבער ניט צופריעדען געבליעבען. ער האט זיך אויך פאר דעם אויטאריטעט פון ר' שמעון בן יוחאי ניט געוואלט בויגען.

האט ער זיך צו ר' שמעון בן יוחאי אנגערופען:

— דעם זוהר האסט דו דאך מיט רוח הקודש מחבר געווען. טא לאמיר גאט אליין פרעגען.

איז ארויס א בת קול פון הימעל און האט אויסגערופען, אז דער אמת'ער פשט אין זוהר איז דער פון בעל שם.

אויף מארגען בשעת שלש סעודות האט דער אויבענדער־מאנטער גדול געהערט פון בעל שם אט יענעם פשט אין זוהר, וואס ער האט אין חלום געהערט.

## יא.

# די בעציהונגען פון בעל שם צו זיינע תלמידים

די בעציהונגען פון בעל שם צו זיינע תלמידים. — פיעלע האט ער ניט נור מיט עסען און טרינקען אויסגעהאלטען, ער פלעגט זיי אויך געבען געלד פאר זייערע פרויען און קינדער. — ער פיהרט זיך ארום מיט א זיעבען־יעהריגען אינגעל, א קינד פון זיין בעליעבטען תלמיד, ר' מאיר מרגלית, און פארערט אויף יעדען איינעם זיין זיסע און שעהנע שטימע צו בעוואונדערן.—דעם מעזשעריטשער מגיד האט ער געדונגען א דירה אין מעזשיבוזש און האט איהם נאך גע־געבען דערצו צוועלף גילדען א וואך אויף דער הוצאה.

איך בין געקומען אויף דער וועלט — האט דער בעל שם געזאגט — צו ווייזען א נייעם דרך אין עבודת ה'. איך בין ניט געקומען שווערער מאכען דעם עול פון אידישען פאלק, נאר פארגרינגערן איהם. דער איינציגער וועג, דורך וועלכען מען קען צו גאט קומען, איז ליעבע.

ליעבע צו גאט, ליעבע צו דער תורה און ליעבע צום אידישען פאלק.

און ער האט ווירקליך, ווי קיין אנדערער, אונענדליכע ליעבע פאר יעדען אידען פערמאגט, און איז אין יעדען מא־מענט גרייט געוועזן ניט נאר פאר דעם כלל, נאר אויך פאר יעדען פרט, מוסר נפש זיך זיין.

„יעדער איינער געפינט אויף זיך א זכות שטענדיג. דאריבער באדארף ער שטענדיג אויך אויף יעדען אידען א זכות געפינען. ווארום דער „צד השוה" פון אלע אידען איז, וואס זיי זענען כלם צדיקים, כלם טהורים, כלם ישרים".

און איינמאל האט ער געזעהען איינעם פון זיינע תלמידים זיין קליינעם זוהן קושען. האט ער זיך צו איהם אנגערופען: „פיעל מעהר נאך, ווי דו האסט דיין זוהן ליעב, האב איך יערען אדם מישראל ליעב. ווען איך זעה א אידען, דערפיהל איך א שטארקען פערלאנג, איהם אויף דעם האלז זיך ווארפען און יעדען אבר איהם אויסקושען. איך אונטערדריק אבער מיינע געפיהלען״.

אט אזא אהבת ישראל האט דער בעל שם טוב געפּרעדיגט.

ליעב האבען א אידען, ווי מען האט זיך אליין ליעב, ליעבען איהם מיט ליידענשאפט, ליעבען איהם מיט א ציטער אין דער נשמה, ליעבען איהם ווי מען האט ליעב א גע־ליעבטע, ווי מען האט ליעב אן אייגען קינד.

און דעם שענסטען מוסטער איהרען האט דיזע אהבת ישראל זיינע געפונען אין זיינע בעציהונגען צו זיינע תלמידים.

ער האט זיי, ווי א געטרייער און איבערגעגעבענער פאטער געדיענט. ער האט ניט נאר פאר זייער נשמה געזארגט, נאר אויך פאר זייער קערפּער, ניט נאר פאר זייערע גייסטיגע, נאר אויך פאר זייערע מאטעריעלע הצטרוכת׳ען. ער האט די אינטערעסען פון אלע זיינע תלמידים ביי זיך אין הארצען געטראגען.

ווען דער זוהן פון זיין בעליעבטען תלמיד, ר׳ יצחק מרגלית, איז קראנק געווארען, האט ער איהם צו זיך גענומען. א גאנץ יאהר האט זיך דאס קינד ביים בעל שם אין הויז געפונען. ער איז דאס גאנצע יאהר שטענדיג אונטער דער השגחה פון בעל שם געשטאנען און איז ביי איהם ממש „ווי אן אייגע־נער זוהן געווען״.

און די אייגענע פּאַטעריליכע געפיהלען האַט ער אויך צום צווייטען ברודער, צו ר' מאיר מרגלית, אַרויסגעוויזען.

ר' מאיר מרגלית איז אַמאָל געקומען צו איהם מיט זיין יונגסטען זוהן, שאול, וועלכער איז דאַמאָלס זיעבען יאָהר אַלט געווען.

דאָס קליינע אינגעל האָט דעם בעל שם מיט זיין שענקייט און מיט זיין זיסער שטימע בעצויבערט. האָט ער געבעטען ר' מאיר'ן, ער זאָל ביי איהם זיין קינד אויף אַ געוויסער צייט איבערלאָזען, ער זאָל זיך אונטער זיין השגחה געפינען.

דער פאַטער האָט דעם פערלאַנג פון בעל שם בעפרידיגט.

דער בעל שם האָט אָבער פון קינד גוואַלדיג אַנגעקוואָלען און האָט בעשלאָסען צו מאַכען אַ „טור" מיט דעם קינד איבער דעם גאַנצען געגענד, וויזען איבעראַל, וואָס פאַר אַ טייערע כלי עס וואַקסט עס ביי זיין תלמיד.

און אין אַ וואָך אַרום האָט ער געהייסען איינשפּאַנען דעם וואָגען און האָט זיך צוזאַמען מיט זיינע תלמידים און בעליעבטען קינד אין וועג געלאָזט.

דער וועג, איבער וועלכען זיי זענען געפאָהרען, איז געווען זעהר אַ גוטער ביז זיי זענען צוגעפאָהרען צום קלויסטער, וואָס איז אין עק שטאָדט געשטאַנען. פון דאָרטען איז שוין געווען ניט וויט צום שענק, וואָס האָט זיך געפונען אין נאָהענטען דאָרף, דורך וועלכען זיי האָבען בעדאַרפט דורכפאָהרען.

האָבען די תלמידים פון בעל שם זיך זעהר געשראָקען. עס איז דאָן אַ חגא געווען, און צו יענע צייטען פלעגט זעהר געפעהרליך זיין אַריינצופאָהרען אין אירגענד וועלכען דאָרף, ווען עס פלעגען זיך איבער דעם שיכור'ע גויים אַרומדרעהען.

די תלמידים זיינע האָבען מורא געהאַט די פּויערים זאָלען זיי מיט שטיינער ניט פאַרוואַרפען.

דער בעל שם האט זיך אבער מיט זייער שרעק ניט גע־רעכנט.

ער האט זיך פערלאזט אויף זיינע גרויסע פעהיגקייטען, די מוחות און הערצער פון פערשידענע מענשען צו בעהערשען, זיין איינפלוס און היפנאז אויף יעדען איינעם אויסצואיבען.

איז ער ביז צום שענק צוגעפאהרען.

און נעבען שענק איז געשטאנען אן אלטער פויער און האט אויף א פידעל געשפיעלט, און די גויים מיט די גויות האבען געטאנצט.

דאן איז דער בעל שם פון וואגען אראבגעגאנגען.

ער האט געהייסען געבען די פויערים בראנפען אויף זיין חשבון און האט זיך אנגעהויבען צו בעריהמען פאר זיי, אז ער האט מיט זיך א קליין קינד, וואס זינגט אויסגעצייכענט אלע ליעדער זייערע.

און תוך כדי דבור האט ער זיך אנגערופען צו שאול'ן ער זאל עפעס פארזינגען.

דאס זינגען פון קינד האט גוואלדיג אויסגענומען ביי די פויערים. ניט ווייניגער האט ביי זיי אויך אויסגענומען דער בראנפען, מיט וועלכען דער בעל שם האט זיי מכבד געווען און זיי האבען א גאנצע נאכט געהוליעט און געטאנצט.

אויך די קינדער פון די פויערים האט דער בעל שם ניט פארטיילט. ער האט זיי פערשידענע מתנות געגעבען, און האט יעדען איינעם'ס נאמען געפרעגט, אזוי אז די פויערים האבען גאר אין גאנצען פארגעסען אין דעם, אז די געסט זענען אידען.

פון דארטען זענען זיי אוועק בשלום קיין הייסין, וואס געפינט זיך נעבען מעזשיבוזש. דארטען האבען זיי געזעהן, ווי א גרויסער קבוץ פון מענשען שטעהען און הערען זיך איין ווי א גויה זינגט.

האָט זיך דער בעל שם אָנגערופען צו זיי:

שוטים, איך האָב אַ קליין אינגעל מיט זיך, קען ער פיעל בעסער, ווי די גויה, זינגען.

און ער האָט דאָס קינד צוגערופען און האָט איהם גע־הייסען פאַר די מענשען זינגען.

פון דאַן האָט אָנגעהויבען ר׳ מאיר מרגלית קינד איבער דעם גאַנצען געגענד בעריהמט צו ווערען. אין אַ צייט אַרום איז ער אַ באַריהמטער חזן אין רוסלאַנד געוואָרען אונטער דעם נאָמען קאַשטאַן. מען האָט איהם מיט דיזען נאָמען גערופען צוליעב די בלאָנדע האָר זיינע. דיזער ר׳ שאול קאַשטאַן איז געווען דער הויפּט פון דער קאַשטאַן פאַמיליע, וועלכע האָט אין אַ משך פון עטליכע דורות אַרויסגעגעבען גרויסע און באַריהמטע חזנים פון זיך.

ר׳ שאול׳ס זוהן איז געווען קאַשטאַן־וויינטרויב דער צווייטער, דער פאַטער פון דעם דריטען קאַשטאַן, דער באַ־ריהמטער קעניגסבערגער חזן.

---

פיעלע פון זיינע תלמידים פלעגען זיך ביי איהם אין הויף אַ לאַנגע צייט אויפהאַלטען, און ער האָט זיי ניט נאָר מיט עסען און טרינקען אויסגעהאַלטען, נאָר אויך מיט אַלע זייערע אַנדערע הצטרכות׳ען. מאַנכע פלעגט ער זאָגאָר אויך אַ געוויסע סומע וועכענטליך געבען, זיי זאָלען זייערע פרויען אויף דער הוצאה שיקען.

דעם מעזשריטשער מגיד ווען ער איז קראַנק געווען, האָט ער אין מעזשיבוזש אַ דירה געדונגען און פלעגט איהם נאָך געבען דערצו צוועלף גילדען אַ וואָך אויף דער הוצאה.

## יב.

# דער בעל שם רופט ארויס דעם ס״ם אין די אנ־ וועזענהייט פון זיינע תלמידים.

פלעס, וואס ער האט אויף דעם הימעל און אויף דער ערד געזעהן, האט ער פאר זיינע תלמידים דערצעהלט. — דער בעל שם רופט ארויס דעם ס״ם און הייסט זיינע תלמידים האלטען זייערע שטערנס אבגעדעקט, כדי עס זאל זיך אנזעהן דער צלם אלהים זייערער— וועט זיי דער ס״ם ניט קענען מזיק זיין. — דער ס״ם בעט זיך, מען זאל איהם לאזען שטעהן נאך א ווײלע, כדי ער זאל זיינע אויגען קענען זעטיגען מיט דעם צלם אלהים, וואס ער זעהט אויף דעם בעל שם׳ס תלמידים.

און פונקט ווי דער בעל שם האט זיך אינטערעסירט און געוואוסט אלעס, וואס איז זיינע תלמידים נוגע געווען, אזוי האבען אויך די תלמידים זיינע געוואוסט אלעס, וואס איז אין זיין אייגענער וועלט פארגעקומען.

ער האט פאר זיי די אלע גרויסע און רייכע אוצרות זיינע אויפגעעפענט און האט זיי געלאזט זייערע אויגען זעטיגען מיט דעם גאנצען עשירות וואס האט זיך געפונען דארטען.

ער האט צוזאמען מיט זיי איין לעבען געלעבט. אלעס, וואס זיינע ליכטיגע אויגען האבען געזעהן, האט ער געוואלט, אז אויך זיי זאלען מסוגל זיין צו זעהען עס. אלעס, וואס ער האט געפיהלט און געוואוסט, האט ער געוואלט, אז אויך זיי זאלען עס פיהלען און וויסען.

און מיט יעדען פאל און צופאל פלעגט ער זיך בענוצען,

זיינע תלמידים צו א וואס העכערער מדרגה דערהויבען, וואס מעהר שארפער און ווייטזעהענדיג זייער ראיה צו מאַכען, וואס מעהר טיעפער, ראפינירטער און פיינער זייער הארץ און געפיהל אויסצובילדען.

און אפטמאל פלעגט ער מיט זיי צו דיזען צוועק אויף ווייטע נסיעות אונטערנעהמען, כדי דורך א געוויסען צופאל זיינעם א געדאנק, זיינעם אן אפאריזם צו אילוסטרירען, כדי דורך א געוויסען לעבענס־בילד דעם אמת פון זיינע אנשויאונגען און לעהרען אויף זיי ארויפצווינגען. ער פלעגט פאר זיי — דערצעהלט די לעגענדע — פאר דיזען צוועק אויף אילוזיאנען און זעהונגען ארויסרופען.

איינמאל האט ער וועגען א געוויסען ענין דעם ס"ם ארויסגערופען.

האט זיך ז'ער ס"ם צו איהם אנגערופען מיט כעס:

— וואס האסט דו מיך בעאונרוהיגט. מען האט מיך זינט די וועלט שטעהט, נאר דריי מאל ארויסגערופען. בעת דעם חטא פון אדם הראשון, בעת די אידען האבען מיט דעם עגל געזינדיגט און בשעת דער בית המקדש איז חרוב געווארען.

דער בעל שם האט איהם פאר זיינע תלמידים געוויזען, און האט זיי געהייסען האלטען אבגעדעקט זייערע שטערענס, כדי עס זאל זיך אנזעהן דער צלם אלוהים, וואס זיי טראגען אויף זיי.

צו ענדע ווען דער ס"ם האט שוין בעדארפט אוועקגעהן האט ער זיך צו די תלמידים פון בעל שם בזה הלשון אנגערופען:

— בני אל חי, קינדער פון לעבעדיגען גאט, ערלויבט מיר דא צו שטעהן נאך א קליינע ווייל, איך זאל מיינע אויגען קענען זעטיגען מיט דעם „צלם אלהים” וואס איהר טראגט אויף אייערע געזיכטער.

דער כ׳לו־רע האָט א ניצוץ פון דעם מקור הטוב דער־זעהן — האָט זיך ביי איהם א פייער פון בענקעניש אָנ־געצונדען.

יעדען טאָג פאַר מנחה דאַוועגען — דערצעהלט ווידער די לעגענדע — פלעגט דער בעל שם געהן שפּאַצירען צוזאַ־מען מיט זיינע תלמידים, ווי דער האר״י פלעגט זיך נוהג זיין.

און איינמאָל זיינען זיי ווייט הינטער׳ן שטאָדט פאַר־גאַנגען און עס איז שוין די צייט געקומען, מנחה צו דאַווגען.

האָבען זיי ניט געהאט קיין וואסער, די הענד צום דאַוונען צו וואשען.

האָט דער בעל שם זיין שטעקען גענומען און האָט מיט איהם א קלאַפּ געטהון איבער דער ערד.

און עס האָט זיך באַלד א קוואַל פון פרישע און לעבעדיגע וואסער דאַרטען בעוויזען. און דיזער קוואַל איז שוין דאַרטען אויף שטענדיג פאַרבליבען און אין א צייט ארום האָט מען דאַרטען א מיהל געשטעלט.

---

דער בעל שם האָט זיך אויף אזוי פיעל אינטים צוזאַ־מענגעבונדען מיט זיינע תלמידים געפיהלט, אז ער האָט זיך ניט זשענירט צו רעדען מיט זיי וועגען זיין גרויסקייט און זיין גוואַלדיגער חשיבות אויף דעם הימעל און אויף דער ערד.

ער האָט זיי גאָר אין גאַנצען ניט אַלס פרעמדע מענשען געפיהלט, פאַר וועלכע מען קען ניט אין גאַנצען די אייגענע אינערליכע וועלט פריי און ברייט פערנאַנדערעפענען. ער האָט זיי ווי חלקים פון זיין אייגענעם גוף און נשמה בעטראַכט, און האָט מיט זיי, ווי א מענש מיט זיך אַליין, גערעדט.

די אַלע סודות, וואָס מען האָט איהם פון הימעל מגלה געווען, האָט ער אויך זיי — לויט דער השגה זייערער —

מגלה געווען. ער האָט זיי דערצעהלט אַלעם וואָס ער האָט אויף דעם הימעל און אויף דער ערד געהערט און געזעהן.

איינמאָל האָט ער זיינע תלמידים דערצעהלט אז מען האָט איהם אין גן עדן אונטער דעם „ע״ז הדעת״ פון גוטס און שלעכטס געפיהרט.

„זענען מיט מיר דאַמאָלס אַ סך אידען מיטגעגאַנגען, ווען מיר זיינען אָבער דורך דעם ע״ז החיים דורכגעגאַנגען, זיי־נען זיי אַלץ ווייניגער און ווייניגער געוואָרען, ביז עס זיינען פון זיי גאָר ווייניג געבליעבען״.

„און נאָך דעם, ווי מען האָט מיך אין גן־עדן הפנימי אריינ־געפיהרט, זיינען זיי נאָך מעהר ווייניגער געוואָרען, און עס איז פון זיי אַ זעהר אונבעדייטענדע צאָהל געבליעבען״.

און איינמאָל אַ מוצאי ראש השנה האָט ער זיי דער־צעהלט, אז ער האָט געזעהען שטעהן פאַר דעם מלך המשפט די אידישע אבות, ווי זיי נעהמען איבער די זכיות פון אידישען פאָלק, און משה רבנו האָט זיך אויך דאַמאָלס צווישען די אבות געפונען און ווי אַ סרסור איז ער אַלע מאָל הין און הער געלאָ־פען און האָט אַלע מאָהל וואָס מעהר אידישע זכיות מיט זיך געבראַכט. ער האָט אַלעם מיט וואונדערליכע חכמה געפיהרט, אז די מקטרגים און די זינד זאָלען חלילה צום וואָרט נים קומען.״

ער פלעגט זיי אויך אָפטע גרוסען אָבגעבען פון אליהו הנביא, ווערכער, ווי ער האָט פאַרזיכערט, פלעגט זעהר אָפט מיט אַ בעזוך צו איהם קומען. אויך דער נביא יונה בן אמיתי פלעגט איהם דורך אליהו'ן זעהר אָפטע גרוסען שיקען.

צווישען די גרויסע אידישע פערשטאָרבענע פערזענליכ־קייטען, וואָס פלעגען איהם אָפטע בעזוכען אָבשטאַטען, האָבען זיך אויך די פאָלגענדע געפונען: רבי שמעון בן יוחאי, רבי יהודה הנשיא און דער האר״י הקדוש.

איינמאָל, ווען די אַלע תלמידים זיינע זענען פערזאַמעלט געווען, האָט דער בעל שם זיך אָנגערופען צו זיי:

— זעהר א סך ווייס איך און זעהר פיעל בין איך בכח אויפצוטהון, עס געפינט זיך אָבער קיינער נים, וועמען איך זאָל קענען אַלעס מגלה זיין.

אין נסתר, אויף וויפיעל מען ווייסט מיך ניט — האָט ער זיי א צווייטען מאָל געזאָגט — בין איך נאָך מעהר בעל שם, ווי אין נגלה — אויף וויפיעל מען האָט יאָ א בעגריעף וועגען מיין גרויסען כח.

„עס טרעפט זיך, אז די וועלט געפינט זיך „במעלת הרוממות,״ אויף א געהויבענער מדרגה, און אַמאָל געפינט זי זיך אויף א ניעדעריגער מדרגה. יעצט אָבער, ווען איך געפין זיך אויף דער וועלט, שטעהט די וועלט שטענדיג אויף א הויכער מדרגה.״

„און עס איז גאָר די נשמה ניט פערהאַן — האָט ער איינמאָל צו זיינע תלמידים געזאָגט — פון אדם הראשון׳ס צייטען אַן, וואָס איך זאָל זי ניט קענען. און עס איז גאָר די נשמה ניט פערהאַן, וואָס זאָל קענען אָהן מיין רשות צו איהר פלאַץ קומען.״

איינמאָל, ווען זיינע תלמידים זענען געשטאַנען נעבען איהם, האָבען זיי עפּיס א מורמעל אין הויז געהערט.

האָט זיך דאַן דער בעל שם אָנגערופען צו זיי:

דאָס איז א נשמה פון א מענשען, וואָס איז צוריק מיט דריי הונדערט יאָהר געשטאָרבען. זי איז יעצט געקומען בעטען א תיקון פון מיר.

נאָכהער האָבען זיי ווידעראַמאָל א גערויש געהערט.

האָט דער בעל שם געזאָגט צו זיי, אז דאָס פערלאָזט זי דאָס הויז יעצט און געהט זיך טובל׳ען אין „נהר דינור.״

יעדער איינער, וואָס האָט די זכיה צו האַלטען שבת ביי

מיר און עסען ביי מיין טיש — האָט דער בעל שם געזאָגט — ווערט דורך דעם אין איהם א סם חיים אריינגעגעבען, ער זאָל פון אלע תאוות געהאָלפען ווערען, און עס האָט אויך די גוטע פעולה אויף איהם, ער זאָל זיך אין הויז אין קדושה און טהרה פיהרען.

און ווען מע האָט איהם איינמאָל געזעהן עסען א סך, האָט ער דאן צו די אלע מקורבים, וואָס זענען געשטאַנען נעבען איהם, זיך אָנגערופען: איך האָב מכוון געווען מיט מיין עסען דאָס, וואָס משה בבנו האָט משיג געווען דורך די לוחות.

און רעדענדיג איינמאָל וועגען דעם גרויסען כח פון אמונה, האָט ער דערצעהלט זיינע תלמידים, אז ער איז איינ־מאָל דעם טייך דניעסטער איבערגעגאַנגען אָהן א שום שם. ער האָט נאָר זיין גאַרטעל איבער דעם וואַסער אַניעדערגעלעגט און האָט אָנגעהויבען שפּאַנען איבער איהם. „נאָר מיט דעם כח פון מיין גרויסער אמונה אין גאָט בין איך דעם טייך איבער־געגאַנגען".

יג.

# דעם בעל שם'ס סידור

דעם בעל שם'ס סידור. — יעדער איינער פון זיינע בעליעבטע תלמידים פלעגט דארטען זיין בקשה אנשרייבען און דער בעל שם פלעגט פאר איהם מתפלל זיין. — די נשמה זיינע האט ניט געוואלט אויף דער וועלט אראבגעהן! ביז מען האט איהר ניט צוגעזאגט זעכציג גבורים געבען, וועלכע זאלען זי היטען שטענדיג.

און אויך אין מאמענט פון זיין העכסטען רעליגיעזען עקסטאז, אין די מאמענטען, ווען ער איז געווען אין די תפלות זיינע פערטיעפט, אויך דאן האט דער בעל שם וועגען די תלמידים זיינע געדענקט און געטראכט און האט פאר זיי אין יעדער תפלה צו גאט געבעטען.

זיין שוואגער ר׳ גרשון, וועלכער איז געווארען איינער פון דעם בעל שם'ס איבערגעבענסטע תלמידים, א שטיקעל צייט נאכדעם וואס דער בעל שם האט זיך אין מעזשיבוזש באזעצט, האט פאר איהם א מהודר'דיגען סדור אויף פאר־מעט אנגעשריבען. ביי דער ברכה פון בונה ירושלים אין דער שמונה עשרה איז אין מיטען דף אן הפסקה געמאכט גע־ווארען און עס זענען דארטען צוויי גאנצע בלעטלעך אונ־פערשריבען געבליבען.

דיזע בלעטלעך זענען פערשריבען געווארען מיט פער־שידענע בקשות פון די בעליעבטע תלמידים זיינע און אונ־טער זיי האבען זיך אויך די חתימות פון די מבקשים גע־פונען.

צווישען דיזע בקשות האָט זיך אויך געפונען א בקשה פון ר׳ גרשון קוטיווער אַליין, אַז דער בעל שם „זאָל פאַר איהם מתפלל זיין צו גאָט, ער זאָל איהם פון חוץ לארץ אַרויספיהרען און זאָל איהם אין גיכען קיין ארץ ישראל ברענגען!“.

דאָן האָט זיך דאַרטען אויך די פאָלגענדע בקשה פון די ברידער מרגליות געפונען.

*) ער זאָל אונז געדענקען צו מתפלל זיין פאַר אונז די ברידער, החתומים מטה, און פאַר אונזערע קינדער יעקב שמואל, שאול, מרדכי און נפתלי, אַז גאָט זאָל שטאַרקען אונ־זער האַרץ, מיר זאָלען דיענען דעם נאָמען זיינעם באהבה וביראה, אמן כן יהי רצון.

הק׳ יצחק דוב בער בה״ה המנוח מו״ה צבי הירש זצלה״ת ושם אמי פיגא בת ייטא.

הק׳ מאיר בה״ה הרבני המנוח מו״ה צבי הירש זצ״ל הכ״מ**) ושם אמי כנזכר לעיל ושם אשתי דינה בת חיה.

אָנגענומען איז אין דער חסידישער וועלט, אַז אין די־זען מין בקשות זאָל דער מבקש זיך רופען אויף דער מוטערס נאָמען, כדי מען זאָל פון אויבען ריכטיג וויסען, ווער דער מבקש איז. עס קען אמאָל טרעפען, חלילה, אַז א איד זאָל ניט זיין דער זוהן פון זיין פאָטער. ער איז אָבער דער זוהן פון זיין מוטער שטענדיג.

און דאָך האָבען די ברידער מרגליות אַלס א יוצא מן הכלל אויך דעם נאָמען פון זייער פאָטער געשריבען צוליעב

---

*) להיות לזכרון להתפלל עבורנו האחים החתומים מטה עם בנינו יעקב ושמואל ושאול ומרדכי ונפתלי שיחזק ה׳ את לבנו לעבדו באהבה וביראה את שמו אמן כן יהי רצון הק׳ יצחק דוב בער בה״ה המנות מו״ת צבי הירש זצלה״ה ושם אמי פיינא בת ייטא. הק׳ מאיר בה״ת הרבני צבי הירש זצ״ל הכ״מ. ושם אמי כנ״ל. ושם אשתי דינה בת חיה.

**הריני כפרת משכבו. זיין פאָטער איז דאָס יאָהר געשטאָרבען.

דעם, וואס ער איז א גרויסער חשוב ביים בעל שם געווען און צוליעב דעם וואס ער איז געשטארבען אין יענעם יאהר, ווען זיי האבען זייער בקשה געשריבען. זיי האבען אזוי ארום זייער רעספעקט צו איהם געוואלט ארויסווייזען.

עס האט זיך דארטען אויך א בקשה געפונען פון ר' מיכל זלאטשעווער.

„לזכרון, צו מתפלל זיין פאר דעם התורני מוהר"ר יחיאל מיכל בן פייגע, און פאר זיין פרוי און איין־יעהריגע טאכטער יענטיל, צו מתפלל זיין פאר איהם, אז גאט זאל שטארקען זיין הארץ צו זיין עבודה און זאל אין לעבען זיינע קינדער האלטען".

---

און ניט נאר ווי צו קינדער, חברים און פריינד האט ער זיך צו זיינע תלמידים בעצויגען, ער האט אויף זיי אויך גע־קוקט ווי אויף דעם קוואל פון וועלכען ער האט זיין כח און גבורה געשעפט. ער האט זיי באטראכט אלס שותפים אין זיין ארבייט, וואס ער האט אין אידישען לעבען אנגע־פיהרט, אלס די כוחות, וואס האבען זיין ארבייט מעגליך געמאכט.

די לעגענדע דערצעהלט, אז דער בעל שם האט אמאל געזאגט, אז די נשמה זיינע האט ניט געוואלט אראבגעהן אויף דער וועלט צוליעב די נחשים און שרפים, וואס געפינען זיך אין יעדען דור. ער האט מורא געהאט, אז ער וועט ניט קע־נעןביישטעהן זיי, חלילה. זי זאלען איהם אויף אזוי פיעל צו חולשת הדעת ניט ברענגען, ביז זי זאל חלילה גאר א־גאנצען ניט בטל ווערען. האט מען איהם געגעבען זעכציג גבורים, נשמות פון גרויסע צדיקים, זיי זאלען איהם היטען.

ער האט געוואוסט, אז ווען ניט די זעכציג גבורים, די תלמידים, וואלט ער ניט געקענט אויסהאלטען דעם קאמפף,

וואס די פיעלע מתנגדים זיינע האבען געגעז איהם אנגע־פיהרט, אז ווען ניט די תלמידים זיינע וואלט זיך איהם ניט געוועז איינגעגעבען אזא ברייטע און טיעפע פרוכטבארע טע־טיגקייט אין אידישען לעבען אנצופיהרען.

און ווי ליעב און טייער זיינע תלמידים זענען איהם ניט געוועז, איז ער זיך מיט זיי, אמאל ווען ער האט עס פאר נויטיג געפונען, אויך שטרענג בעגאנגען.

שוטה איינער, — האט ער איינמאל צו זיינעם א תלמיד אויסגעשריען — דו הערסט שוין אויך ברוזים פון הימעל.

ניט פאר יעדען איינעם, הייסט עס, זיינען די הימלען אפען, און ניט יעדער אויער קען די קלאנגען, וואס קומען פון דארטען, אויפנעהמען.

און אמאל האט ער זיי אויך אויספרובען געוואלט, צו זיי זענען פעסט און זיכער אין זייער גלויבען און איבער־ציינונגען.

ער האט אמאל געהייסען זיין תלמיד, ר' מיכל זלאטשע־ווער, ער זאל די שטעלע פון רבנות אננעהמען אין איינעם פון די אידישע קהלות. ר' מיכל זלאטשעווער האט אבער בשום אופן קיין רב ניט געוואלט ווערען.

האט אויף איהם דער בעל שם אנגעשריען און האט זיך צו איהם בזה הלשון אנגערופען:

— אויב דו וועסט מיר ניט פאלגען, זאלסט דו וויסען זיין, אז דו וועסט פון ביידע וועלטען פערלארען געהן.

עס האט אבער נאך אלץ ניט געהאלפען.

ר' מיכל איז איינגעשפארט געבליבען.

האט זיך דאן דער בעל שם מיט שמחה אנגערופען צו איהם:

— געבענשט זאלסטו מיר זיין אין נאמען פון גאט. עס

איז פאַר דיר אַ שענער חלק אין גן עדן אַנגעגרייט דערפאַר, וואָס דו האָסט זיך נאָך אַלץ ביי דיין מיינונג געהאַלטען. דו זאָלסט ניט מאַכען די תורה פאַר אַ קרדום לחפור בה. איך האָב דיר נאָר אויספּרובען געוואָלט.

---

און ניט וועניגער, ווי דער בעל שם האָט זיינע תלמידים ליעב געהאַט, האָבען זיי איהם ליעב געהאַט. זיי האָבען איהם ווי אַ מלאך אלהים בעטראַכט און האָבען צו איהם דעם גרעסטען רעספּעקט געפיהלט. עס איז ביי קיינעם פון זיי גאָר דער קלענסטער צווייפעל אפילו ניט געווען, אַז אַלעס וואָס ער דערציילט זיי, איז לויטער אמת. זיי האָבען אין דעם קיין גוזמא ניט געזעהן. פערקעהרט נאָך. זיי האָבען געגלויבט, אַז דער בעל שם האָט זיך פאַר די מענשען נאָר אין אַ קליי־נעם טייל פון זיין אמת'ען איך בעוויזען. אין אמת'ען אָבער איז ער נאָך פיעל הייליגער און גרעסער. נאָך די אַלע גרויסע וואונדער וואָס ער האָט בעוויזען, האָבען זיי געגלויבט, אַז ער איז בכח נאָך גרעסערע וואונדער צו בעווייזען.

ווי ווייט די תלמידים זיינע האָבען זיך געפיהלט מיט דעם בעל שם צוזאַמענגעבונדען, ווי ווייט און גרויס זייער גלויבען אין איהם איז געווען, זעהען מיר אין דער פאָלגענדער מעשה, וואָס ווערט אין נאָמען פון דוד לאה'קעס דערציילט.

איינמאָל — דערציילט ר' דוד לאה'קעס, איינער פון בעל שם'ס גרעסטע תלמידים, — האָט דער בעל שם געהייסען די תלמידים זיינע, אַז „יענער איינער פון זיי זאָל געבען אַ גילדען אויף משקה". זענען זיי אַלע געווען זיכער אַז דער בעל שם ווייסט גאַנץ גוט, אַז זיי זענען אַלע קבצנים גרויסע און ביי קיינעם אין קעשענע געפינט זיך אפילו קיין איין פּרוטה ניט. זיי זענען געווען זיכער, אַז ניט דערפאַר האָט זיי דער בעל שם געהייסען געבען אויף משקה, ווייל ער האָט

געדענקט, אז זיי האבן געלד ביי זיך, נאר דערפאר, ווייל ער האט געוואלט, אז זיי זאלען געבען.

און דעריבער האט זיך יעדער איינער גענומען צום קעשענע, ארויסצונעהמען א גילדען פון דארטען.

זיי האבן געגלויבט באמונה שלמה, אז ווי באלד דער בעל שם הייסט זיי א גילדען אויף משקה געבען, ווייזענדיג, אז זיי האבן פון פריהער קיין געלד ניט געהאט, מסתמא מוז זיך ביי זיי דער געוואונשטער גילדען יא געפינען.

און כך הוה. יעדער איינער האט פון קעשענע א גילדען ארויסגענומען — פונקט איין גילדען.

יד.

# ווי אזוי דער „תולדות" איז דעם בעל שם׳ס תלמיד געווארען.

**ווי אזוי דער בעל שם האט דעם „בעל־התולדות" פאר זיינעם א תלמיד ערווארבען. — דער תולדות איז געווען רב אין שאראגראד. איינמאל איז ער געקומען דאווענען „ותיקין" אין בית־מדרש, ווי זיין שטייגער פלעגט שטענדיג זיין. האט ער קיינעם ניט געטראפען. אלע זיינען געשטאנען אין מארק און איינגעהערט זיך אין בעל שם׳ס משלים און מעשה׳לעך. „אויב א איד בעזיצט אזא כח א גאנצע עדה אידען מיט זיינע משלים פון תפלה מבטל זיין, מוז אין איהם א גרויסער כח זיין" — האט דער תולדות געזאגט צו זיך און איז פון דאמאלס אן זיינער אן אנהענגער געווארען. — מען טרייבט ערב שבת דעם תולדות פון שאראגראד ארויס. ער מוז אין דארף שבת האלטען, און דער בעל שם מיט זיינע תלמידים פאהרען אויך אהין, כדי אביסעל זיין צער צו שטילען.**

עס איז דעם בעל שם׳ס אמביציע געווען, ער זאל די גרעסטע פערזענליכקייטען פון זיין דור צוציהען צו זיך. ער האט געשטרעבט דערצו, אז ער זאל צווישען זיי ניט נאר וואס װעניגער נעגנער האבען; ער האט צווישען זיי אויך וואס וועניגער גלייכגילטיגע צושויער געוואלט זעהן. ער האט זיך ניט בענוגענט נאר דערמיט, זיי זאלען איהם אין זיין ארבייט ניט שטערען. ער האט זיי אין זיין ארבייט אויך אלס ארויסהעלפער געוואלט האבען.

עס איז זיין לײדענשאפטליכע שטרעבונג געווען, יעדען איינעם גדול פון זיין דור, וועלכער האט א בעריהמטען נאמען געהאט, אלס גאון מופלג אדער גרויסער מקובל, אין

קרייז פון זיינע תלמידים צו זעהן. ער האט געוואלט, אז די נייע שיטה זיינע, דער נייער דרך זיינער אין עבודת ה' וואס ער איז געקומען דעם אידישען פאלק צו לערנען, זאל אויף זיך טראגען די סאנקציאן פון גאנצען „פאר" פון אידישען פאלק, פון גאנצען „סולת" זיינעם.

ער האט געוואלט קאנצענטרירען ארום זיך א גרופע פון תלמידים, וואס יעדער איינער פון זיי זאל מיט א „שאר־רוח" געבענטשט זיין, וואס יעדער איינער פון זיי זאלען אויף וועלכען עס איז געביעט זיך אויסצייכענען, ער זאל זיין גרויס אויף וועלכען עס איז אופן, אין זיינע ידיעות אין נגלה אדער אין זיינע ידיעות אין נסתר אדער אין זיין פעהיגקייט און פאסגיקייט מען זאל פון איהם א גוטען פראפאגאנדיסט אדער אגיטאטאר קענען שאפען.

עס איז זיין אמביציע געווען, אזא גרופע פון תלמידים ארום זיך צו קאנצענטרירען, כדי ער זאל אין איהר גרויסע הילף קריגען, זיינע לעהרען און אנשויאונגען צווישען דעם אידישען פאלק פראפאגאנדירען, כדי די ערציהונג פון די אידישע מאסען לויט דעם גייסט פון די נייע דרכים, איבער וועלכע ער האט זיי פיהרען געוואלט, זאל זיך אין גוטע און זיכערע הענד געפינען.

און דאריבער האט ער זיך אזוי געיאגט נאך יעדען איינעם גדול הדור, אין וועלכען ער האט א גרויסען גייסט געזעהן.

ניט אלע האבען זיך אבער אזוי גרינג פאנגען געלאזט.

עס זיינען געווען איינינע צווישען זיי, וואס אלץ מעהר דער בעל שם האט זיך געיאגט נאך זיי אלץ מעהר זיינען זיי אנטלאפען פון איהם, וואס אלץ מעהר דער דראנג פון בעל שם איז געווען, ער זאל זיי אלס זיינע תלמידים ערווערבען,

אלץ גרעסערע מתנגדים זיינע זיינען זיי געוואָרען, אלץ מעהר גרעסערע שנאה האָבען זיי צו איהם געפיהלט.

און איינער פון דיזע איז אויך געווען ר' יעקב יוסף הכהן, דער בעל התולדות, וועלכער איז פריהער געווען איינער פון די גרעסטע מתנגדים פון בעל שם און איז נאָכדעם געוואָרען איינער פון זיינע גרעסטע אנהענגער און איינער פון זיינע בעריהמטעסטע תלמידים.

ר' יעקב יוסף איז געווען א גרויסער למדן און מקובל און איז, ווי איך האָב שוין געזאָגט, תחלת א גוואלדיגער מתנגד און באַקעמפּפער פון בעל שם געווען. ווען ער איז רב אין שאראגראד געווען, פלעגט ער קיינמאָל ניט וועלען זעהן דעם בעל שם, וועלכער פלעגט אָפט אראָבקומען אהין, און פלעגט מיט דעם גרעסטען בטול רעדען וועגען איהם פאַר דער קהלה זיינער.

מיט דעם זעלבען געדולד אָבער און אויסדויער, מיט וועלכען דער בעל שם האָט זיך אין אזא גרויסער מאָס אויסגעצייכענט, מיט דעם זעלבען געדולד, מיט וועלכען ער האָט זיך שטענדיג בענוצט, זיינע שטרעבונגען צו רעאַליזירען, האָט ער זיך אויך אין דיזען פאַל — דעם בעל התולדות פאַר זיינעם א תלמיד צו ערווערבען — בענוצט.

יעדען מאָל, ווען ער פלעגט קיין שאראגראד קומען פלעגט ער אלע מעגליכקייטען אָנווענדען, ער זאָל זיך מיט ר' יעקב יוסף'ען זעהן און איהם פאַר זיינעם א פריינד צו ערווערבען. דער בעל שם האָט איהם ניט געוואָלט אָבלאָזען. ער האָט בעשלאָסען, אז ער מוז איהם איינמאָל פאַר אלע מאָל דאָך אין זיין קרייז אריינברענגען. ער האָט געזעהן, ווי דער חסידיזם דריקט זיך אויס, אז „מען בעדאַרף איהם דערהויבען".

און ענדליך האָט די געדולד זיינע אויך דאָס מאָל געזיגט.

איינמאָל — דערצעהלט די לעגענדע — איז געקומען דער בעל שם קיין שאראגראד און האָט זיך אין מיטען מארק אוועקגעשטעלט, ווי זיין שטייגער פלעגט אָפט זיין, און האָט אָנגעהויבען פערשיעדענע משלים און מעשה׳לעך צו דער־צעהלען פאר א גרויסען המון, וואָס איז געשטאַנען דאָרטען.

דאָס איז גאַנץ פריה פאָרגעקומען, דערווייל איז ר׳ יעקב יוסף אין בית מדרש געקומען „ותיקון" צו דאַווענען, ווי זיין מנהג פלעגט שטענדיג זיין.

צו זיין גרויסער איבערראשונג האָט ער אָבער דאָרטען קיינעם ניט געטראָפען אויסער דעם שמש, וועלכער האָט איהם דערצעהלט, אַז גאַנץ קהל שטעהט אין מארק אַרום דעם בעל שם און הערט אויס די מעשיות זיינע.

האָט דאַן ר׳ יעקב יוסף געזאָגט צו זיך:

— א איד, וואָס בעזיצט אַזאַ גרויסען כח, אַז א גאַנצע עדה אידען זאָל צוליעב זיינע משלים און מעשה׳לעך אין זייער תפלה פערגעסען, מוז עפּעס גרויסעס זיין אין איהם.

האָט ער דאַן דעם בעל שם צו זיך איינגעלאַדען, ער זאָל איהם „תוהה על קנקנו" זיין, ער זאָל די אוצרות זיינע, וואָס ער פאַרמאָגט, דורכקוקען און אָבשאַצען די ווערטה זייערע.

און מעהר האָט דער בעל שם ניט בעדאַרפט.

דערויף האָט ער שוין פון אַזוי לאַנג אַרויסגעקוקט, ער זאָל קענען מיט דעם בעל התולדות אַן אונטערהאַנדלונג האָבען.

ער האָט פאַר איהם אַלע זיינע רייכע אוצרות ענטפּלעקט.

און פון דאַמאָלס אָן איז ר׳ יעקב יוסף זיינער אַן אי־בערגעגעבענער תלמיד געוואָרען. די פריינדשאַפט צווישען זיי האָט אָנגעהויבען פון טאָג צו טאָג שטאַרקער און גרע־

סער ווערען און זיי פלעגען זעהר אפט איינער צום צווייטען בריעף שרייבען. ער האט אויך אנגעהויבען צו פאהרען שטילערהייד צום בעל שם קיין מעזשיבוזש. ער האט זיך געהיט מען זאל וועגען דעם אין שטאדט ניט וויסען, ווארים דער גרעסטער טהייל פון די איינוואהנער זיינען געגנער פון חסידות און בעל שם געווען; זיי האבען זיך געהאלטען אין דעם אלעם וואס ער, רבי יעקב יוסף, האט זיי פריהער געלערנט.

ענדליך איז מען אבער דאך אין שאראגראד געוואהר געווארען, אז זייער רבי איז א חסיד געווארען, און מען האט איהם אנגעהויבען צו רודפ'ען. ער האט אבער די אלע יסורים מקבל באהבה געווען.

ער האט געוואלט אין זיי א כפרה האבען אויף דער זינד, וואס ער איז בעגאנגען דערמיט, וואס ער איז אזוי לאנג א געגנער פון בעל שם געווען.

אין א צייט ארום האט איהם די שאראגראדער קהלה גאר אין גאנצען פון שטאדט ארויסגעטריבען.

און דאס איז אין א ערב שבת פארגעקומען.

האט ער געמוזט שבת האלטען אין א דארף.

האט עס דער בעל שם ביי זיך אין דער היים דאס אלעס דערזעהן און האט זיך אנגערופען צו זיינע תלמידים:

— לאמיר נאר אין יענעם און יענעם דארף פאהרען. ר׳ יעקב יוסף איז געצוואונגען דארטען שבת צו האלטען. איך וויים אז א גוואלדיגער צער נאגט זיין הארץ, לאמיר דארטען שבת האלטען, כדי איהם אביסעל פון זיין גרויסען צער צו טרייסטען.

ווען דער בעל שם האט דעם בעל התולדות פאר זיינעם אן אנהענגער געמאכט, איז גוואלדיג גרויס געווען די שמחה זיינע. ווארים ער האט אויף איהם גרויסע האפנונגען גע־

לעגט, ער זאָל אַ גרויסע און פּרוכטבאַרע טהעטיגקייט אַרויסווייזען פאַר דער פערשפּרייטונג פון חסידיזם.

וואָרים ר' יעקב יוסף איז גאַר אין אַ גרויסען מאַסשטאַב אַן אַקטיווע און טהעטיגע נאַטור געווען און איז אויך בעזעסען בעדייטענדע ליטעראַרישע פעהיגקייטען — זאַכען, אין וועל־כע די נאָך זעהר יונגע בעוועגונג דאַמאַלס האָט זיך דאַן אַזוי שטאַרק גענויטיגט.

דער בעל שם האָט אין איהם אַ גרויסען פּראָפּאַגאַנדיסט פאַר דעם חסידות געזעהן און האָט זעהר הויך געשעצט זיין מיטאַרבייטערשאַפט.

און דאַריבער האָט ער איהם אויך ניט געלאָזט אויס־פיהרען זיין וואונש, חוץ לארץ צו פערלאָזען און בעזעצען זיך אין ארץ ישראל. ער האָט איהם ניט געלאָזט קיין ארץ ישראל פאָהרען, ער האָט איהם בעדאַרפט ביי זיך האָבען.

דער בעל שם שרייבט וועגען איהם אין זיינעם אַ בריעף צו ר' גרשון קוטעווער: „זיינע מעשים זיינען זעהר אָנגע־לעגט ביי השם יתברך און אַלעס וואָס ער טהוט איז נאָר לשם שמים".

און די לעגענדע דערצעהלט, אַז איינמאָל האָט זיך דער בעל שם אָנגערופען:

— רבונו של עולם, ניט פאַר די מעשים, וואָס איך האָב געטהאָן, בעט איך ביי דיר מיין שכר אויף יענער וועלט, נאָר דערפאַר, וואָס איך האָב דיר אַזאַ „יוסילי" געגעבען.

און ר' ברוך מעזשיביזשער, דעם בעל שם'ס אייניקעל, שרייבט וועגען איהם, אַז ער, דער בעל התולדות, האָט שוין געהאַט פון לאַנג אַ „מגיד", וואָס ער האָט געלערנט מיט איהם. דער זיידע מיינער אָבער, דער בעל שם, האָט געזעהן,

אַז דאָס איז ניט דער ריכטיגער מגיד, אַז ער איז ניט פון די מגידי האמת. האָט ער פון איהם יענעם מגיד אוועקגענו־מען און האָט איהם אַן אנדער מגיד געגעבן, איינעם פון די „מגידי האמת“.

## טו.

# דער בעל שם זוכה א ממלא מקומו צווישען זיינע תלמידים.

דער בעל שם האט קיינעם צווישען זיינע תלמידים ניט געפונען, וואס זאל ראוי זיין זיינער א ממלא מקומו צו ווערען. — נאך וויינינגער האט זיין אייגענער בן־יחיד זיין גייסטיגער יורש געקענט זיין. — ער האט קיינע ציגע פון א גרויסער פערזענליכקייט אין זיך ניט פערמאגט. — דער בעל שם האט געהאט אן אויג אויף דעם מעזעריטשער מגיד. — יענער איז אבער נאך זיינער א מתנגד געווען. ענדליך האט ער איהם דאך אין זיין קרייז אריינגעבראכט. — די לעגענדען וועגען דעם, ווי אזוי ר׳ בער איז דעם בעל שם׳ס א תלמיד געווארען.

און נאך שווערער איז איהם אנגעקומען דעם מעזשעריטישער מגיד, דעם רבי׳ן ר׳ בער, אלס זיינעם א תלמיד אריינצוקריגען.

ער האט שוין דאמאלס פיעל חסידים פערמאגט, צווישען וועלכע עס האבען זיך אויך פיעלע בעריהמטע גאונים געפונען, ווי די ברידער ר׳ יצחק און ר׳ מאיר מרגלית, וועלכע זיינען זיינע פריינד און בעקאנטע שוין פון לאנג געווען, און יעצט, ווען דער בעל שם האט זיך אין מעזשיבוזש בעזעצט, האבען זיי אנגעהויבען צו איהם יעדען יאהר פאהרען. עס האבען זיך שוין דאן געפונען צווישען זיינע תלמידים אזוינע גרויסע גאונים, מקובלים און חסידים, ווי דער פאלאנאהער „מוכיח“, ר׳ לייב, ר׳ וואלף קיצעס, ר׳ דוד פערקוס,

ר׳ יעקב יוסף הכהן, ר׳ ישראל חריף און נאך אנדערע בע־ריהמטע פערזענליכקייטען וואס האבען אין יענעם דור געלעבט.

ענדליך האט אויך זיין שוואגער, דער גרויסער גאון און מקובל, ר׳ גרשון קוטעווער, זיין קאפ פאר דעם בעל שם געבויגען, ער האט אנגעהויבען אין בעל שם גלויבען און פלעגט צו איהם אפטמאל קיין מעזשיבוזש אראבפאהרען.

א גאנצע קייט פון גדולים, פון גרויסע און בעריהמטע פערזענליכקייטען, האט שוין מיט זיך דאמאלס דעם בעל שם׳ס גרופע פארגעשטעלט.

עס האט אבער נאך אלץ איינער געפעהלט, דער וויכ־טיגסטער, דער, וואס איז נאכדעם ביי דעם לעבען פון בעל שם זיין רעכטע האנד געווען און נאך זיין טויט איז ער זיין ממלא מקומו געווארען.

עס האט אבער נאך אלץ אט יענער געפעהלט, צו וועלכען דער בעל שם האט אם מעהרסטען געגארט און אין וועלכען ער האט זיך אם מעהרסטען גענויטיגט.

ווארום צווישען די אלע תלמידים און אנהעננגער זיינע האט ער קיין איינעם ניט געפונען, וועלכען ער זאל אלס א צווייטען צו זיך קענען בעטראכטען, וועלכער זאל ראוי זיין לויט זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען דעם בעל שם׳ס שטוהל נאך דעם טויט זיינעם צו פערנעהמען.

און נאך וועניגער ווי אויף יעדען איינעם פון זיינע תלמידים, האט ער אויף זיין זוהן, ר׳ צבי, געקענט האפען, ער זאל קענען נאך זיין טויט זיין ממלא מקומו זיין, ער זאל זיין „גייסטיגער יורש״ ווערען.

דער בן יחיד זיינער האט מיט גאר ניט אין זיינע יונגע יאהרען ארויסגעוויזען, אז עס וואקסט אן אויסגע־וויינליכע פערזענליכקייט פון איהם. מען האט געזעהן אין

דער גאַנצער הנהגה זיינער, אַז ער איז ניט פאַר עמויאַס גרויסעס בעשאַפען געוואָרען.

אינטערעסאַנט אין דער דאָזיגער הינזיכט איז דער בריעף וואָס ר' גרשון קוטעווער האָט צו איהם איינמאָל געשריבען.

„מיין בקשה איז," שרייבט צו איהם ר' גרשון קוטעווער אין דיעזען בריעף, „אַז דו זאָלסט אַ מתמיד זיין, כדי די טרחה מיינע, וואָס איך האָב געהאַט מיט דיר, זאָל ניט זיין בחנם ח"ו. און דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב פיעל טרחה אוועקגעלעגט מיט דיר. איך בין נאָר צוליעב דיר קיין מעזשיבוזש געקומען און איך האָב דיר אַ דאַנק השם יתברך אויף דעם דרך התורה ארויפגעבראַכט. יעצט איז די בקשה מיינע צו דיר, אַז דו זאָלסט זיך ניט מיט די הבלי העולם פערנעהמען און דו זאָלסט ניט אַ תל מאַכען פון די גוטע יאָהרען דיינע, כל זמן דו האָסט פיעל צייט און דו האָסט נאָך ניט קיין „רחים על צוארו." איך בעט דיך, דו זאָלסט אוועקוואַרפען די „מעשי נערות," צו וועלכע דו האָסט זיך צוגעוואָהנט, דו זאָלסט ניט קוקען מיט קיין קנאה אויף די זינדיגע. דו זאָלסט זיך שטענדיג מיט יראת ה' בעשעפטיגען . . . דו זאָלסט יעדען טאָג אויפגעבען אויף איין שטונדע די דברים בטלים דיינע און דו זאָלסט זיך אין דיעזער שעה לערנען שרייבען."

פון דיעזען בריעף איז צו זעהן, אַז ניט נאָר איז דעם בעל שם'ס בן יחיד קיין גרויסער למדן און מתמיד ניט געווען, נאָר בכלל איז די גאַנצע הנהגה זיינע זעהר ניט קיין מוסטערהאַפטע געווען.

אויב אָבער צווישען זיין אייגענעם קרייז האָט ער — דער בעל שם — ניט געקענט געפינען אַזאַ איינעם, וואָס זאָל קענען נאָך זיין טויט זיין שטעלפערטרעטער ווע־

רעז, האָט ער אָבער דיעזען מאַן אין דער פרעמד יאָ געזעהן.

דער איינציגער, וועמען דער בעל שם האָט געפונען גרויס און וויכטיג גענוג, ער זאָל נאָך זיין טויט קענען זיין ממלא מקומו ווערען, איז געוועזן דער מעזשעריטשער מגיד, וועלכער איז אויך תחלת אַ גרויסער געגענער פון בעל שם געוועזן.

ער האָט דעריבער פיעל מיה אוועקגעלעגט, ער זאָל איהם אין זיין קרייז ערווערבען.

און טראָץ דעם, וואָס זיין גאַנצע מיה האָט זיך אַ לאַנ־גע צייט מיט קיין ערפאָלג געקרוינט, האָט ער זיך דאָך פון זיין שטרעבונג ניט אָבגעזאָגט. ער האָט אויך דאָס מאָל אזוי לאַנג פאַר דער רעאַליזירונג פון זיין שטרעבונג געאַר־בייט ביז ער האָט דאָך געזיעגט ענדליך.

„שוין אזוי פיעל יאָהרען אז איך בענק נאָך איהם,“ האָט זיך דער בעל שם איינמאָל פאַר זיינע תלמידים גע־קלאָגט, ווען זיי האָבען גערעדט וועגען דער גרויסער געגנ־נערשאַפט פון מגיד צום בעל שם און וועגען דעם, וואָס ער וויל בשום אופן ניט קומען קיין מעזשיבוזש, דעם בעל שם צו זעהן.

און פאָלגענדע לעגענדעס פערמאָגען מיר וועגען דעם, ווי אזוי דער מגיד איז דעם בעל שם'ס תלמיד געוואָרען.

ר' בער — דערצעהלט די לעגענדע — איז אַ גרוי־סער מקובל געוועזן, אַ גרויסער אַנהענגער פון קבלת האר"י. ער פלעגט הפסקות פון שבת צו שבת פאַסטען זיעבען־אַכט מאָל כסדר. איז ער דערפון קראַנק געוואָרען. האָבען די קרובים זיינע געצוואונגען איהם, ער זאָל צום בעל שם פאָהרען זיך היילען ביי איהם.

איז ער געקומען צום בעל שם און האָט איהם געטראָ־פען זיצען אויפ'ן בעט און אריינקוקען אין אַ ספר.

האָט איהם ר׳ בער געבעטען, ער זאָל איהם היילען.

האָט אויף איהם דער בעל שם אָנגעשריען פריהער.

נאָכדעם האָט איהם דער בעל שם געדונגען א דירה און האָט איהם געגעבען צוועלף גילדען א וואָך אויף זיינע הוצאות. דער בעל שם האָט איהם די גאַנצע צייט געהיילט און דער מגיד האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר געבעסערט.

איינמאָל אין א פריהמאָרגען איז דער מגיד גאַנצע פיער שטונדען אין הלשות געלעגען. ווען ער איז א ביסעל צו זיך געקומען, האָט ער דערצעהלט: —

פריהער מיט א נאַכט, ארום צוועלף א זייגער האָט דער בעל שם נאָך מיר געשיקט. ווען איך בין געקומען צו איהם, האָב איך איהם געטראָפען זיצען מיט א קליין קי־שעלע אויף זיין קאָפּ און אָנגעטהון אין א שאָפּענער פעל אויף דער לינקער זייט איבערגעקעהרט. ער האָט מיך גע־פרעגט, צי איך האָב ווען חכמת הקבלה געלערענט. האָב איך געזאָגט: „יא.“

און אויפ׳ן טיש איז א ספר געלעגען, האָט ער מיר געהייסען, איך זאָל פאר איהם עפּיס אין דיעזען ספר זאָגען.

און דער ספר איז פון קורצע, בעזונדערע פאַראַגראַפען בעשטאַנען און יעדער מאמר האָט זיך אָנגעהויבען מיט פאָלגענדע שורה: „אמר ר״י: *) סח לי מט״ט שר הפנים“.

האָב איך פאר איהם אן עמוד אָדער א האַלבען אָבגע־זאָגט.

האָט זיך דאן דער בעל שם אָנגערופען צו מיר:

— ניין, ניט אזוי. אָט וועל איך פאר דיר זאָגען.

און ער האָט אָנגעהויבען פאָרזאָגען פאר מיר.

דערווייל איז ווי א ציטער דורך זיין גאַנצען קערפּער

*) ר׳ ישראל — דער בעל שם.

דורכגעגאנגען, און ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגע־
רופען זיך:

— מיר זענען עוסק יעצט אין „מעשי־מרכבה" און איך
זיץ גאָר?

און האָט ווייטער שטעהענדיג געזאָגט.

און אָט אזוי, זאָגענדיג, האָט ער מיך אין בעט אזוי
ווי אין א עיגול אוועקגעלעגט, און איך האָב איהם שוין
מעהר ניט געזעהן. איך האָב נאָר דונערען געהערט און בליי־
צען געזעהן און עס האָט אזוי אן ערך פון צוויי שטונדען
אָנגעהאלטען.

און איך האָב מיך זעהר געשראָקען און פון דיעזען
שרעק בין איך עס אין חלשות געפאַלען.

און ווען דער מגיד איז נאָך זיין ערשטען וויזיט —
דערצעהלט ווייטער דיזעלבע לעגענדע — אהיים געפאָהרען,
האָט איהם דער בעל שם געבענטשט, און נאָכדעם האָט ער
אליין זיין קאָפּ אָנגעבויגען, דער מגיד זאָל איהם בענטשען.
האָט דער מגיד ניט געוואָלט. האָט דער בעל שם גענומען
די האנד זיינע און האָט זי אויף זיין קאָפּ ארויפגעלעגט.
און דאַן ערשט האָט איהם דער מגיד געבענטשט.

דער רבי האָט פאר דעם תלמיד זיין קאָפּ געבויגען.
דער רבי האָט פון תלמיד א ברכה געבעטען. שוין ביים ער־
שטען וויזיט פון מגיד האָט איהם דער בעל שם געוויזען, אז
ער בעטראכט איהם פאר א גלייכען צו זיך, אז ער קוקט
אויף איהם, ווי אויף א ממלא מקומו זיינעם.

און אין אנדער לעגענדע דערצעהלט פאָלגענדעס וועי־
גען דער ערשטער התקרבות פון מגיד צום בעל שם:

דער רבי ר׳ בער — דערצעהלט דיעזע לעגענדע —
איז א למדן מופלג און א גרויסער מקובל געוועזן. איז ער
געפאָהרען צום בעל שם איהם אויספּרובען.

ווען ער איז געקומען צו איהם. האט ער געדענקט, אז ער וועט עפּיס גוואלדיגע דברי־תורה פון איהם הערען.

באלד אבער, ווי ער איז נאר צום בעל שם אריינגעגאנגען, האט איהם יענער דערצעהלט א מעשה, ווי אזוי ער איז אמאל געפאהרען פיעלע טעג אין וועג און ער האט שוין מעהר ניט געהאט קיין ברויט צו געבען דעם „ערל" זיינעם, וואס איז זיין בעל עגלה געווען. האט ער זיך אנגעשלאגען אויף אן ארימען גוי, וואס האט געטראגען א זאק מיט ברויט. האט ער ביי איהם דעם ברויט אוועקגעקויפט, כדי ער זאל האבען וואס צו געבען דעם ערל זיינעם.

דעם צווייטען טאג האט איהם דער בעל שם דערצעהלט, ווי אזוי שפּעטער, ווען ער איז ווייטער געפאהרען, האט ער שוין אויך קיין היי ניט געהאט פאר די פערד. האט ער זיך ווידער אנגעשלאגען אויף א גוי, וואס האט א זאק מיט היי געהאט. האט ער פון איהם די היי אוועקגעקויפט און די פערד עס אוועקגעגעבען.

די אלע מעשות מיט דעם גוי און מיט דעם ברויט האבען דעם מגיד פון געדולד ארויסגעבראכט און ער האט שוין צוגעגרייט די פערד זיינע, ער זאל אהיים פאהרען.

פונקט דאמאלס אבער, ווען ער איז שוין פערטיג געווען צו פאהרען, האט איהם דער בעל שם געשיקט רופען.

און ווען ער איז צום בעל שם אריינגעגאנגען, האט איהם באלד דער בעל שם געפרעגט:

— קענסט דו לערנען?

האט איהם דער מגיד געענטפערט:

— יא.

האט דער בעל שם גענומען דעם ספר „עץ־החיים" און האט איהם געהייסען ערקלעהרען א געוויסען מאמר דארטען.

נאכדעם, ווי ר' בער האט געטראכט א ווײַלע, האט ער איהם דעם פשט געזאגט.

דערויף האט איהם דער בעל שם געענטפערט:

— דו ווייסט גאר ניט.

ר' בער האט נאך אמאל זיך איינגעטראכט אין דער שטעלע און האט זיך אנגערופען צום בעל שם:

— דער אמת'ער פשט איז אזוי, ווי איך האב געזאגט. אויב מעלתו ווייסט אבער אן אנדער פשט, זאל ער מיר זאגען, וועל איך הערען און וויסען מיט וועמען דער אמת איז.

האט צו איהם דאן דער בעל שם געזאגט:

— שטעל זיך אויף דיינע פיס!

האט ער זיך אויפגעשטעלט.

און אין אט יענעם מאמר זענען געווען ווייס איך ווי־פיעל שמות פון מלאכים.

און ווי נאר דער בעל שם האט אנגעהויבען דעם מאמר צו זאגען, איז דאס גאנצע הויז איבערפילט מיט ליכט געווארען. און א פייער האט ארום און ארום געברענט און זיי האבען געזעהן בחוש די אויבענדערמאנטע מלאכים.

און דער בעל שם האט זיך נאכדעם אנגערופען צו איהם:

— אמת, אז דער פשט איז ווי דו האסט געזאגט, דיין לערנען איז אבער אהן א נשמה געווען.

און דאן איז ר' בער זיינער א חסיד געווארען און איז ביים בעל שם געבליעבען.